דערווייל האָט זיך דער משומד איבערגעטון אין יידישע בגדים און האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין בית המדרש הערן, וואָס זאָגן יידן מכוח דעם אוקאַז . . . ער האָט געטראָפן אַ מנין יידן זיצן נעבן דער וואַרימער „רובע" און זיך פּלפּולן וועגן דעם נייעם אוקאַז . . . איינער זאָגט, אַז מען גייט שניידן די בערד, אַ צווייטער, אַז מען גייט אונטערהאַקן די בגדים, אַ דריטער, אַז מען וועט נעמען בני־יחידים פאַר סאָלדאַטן און אַזוי ווייטער. פּלוצלונג רופט זיך אָן אַ ייד אַ חקרן: „זאָרגט נישט יידן! . . . אויב מען האָט צייט לייענען דעם נייעם אוקאַז ערשט מאָרגן 9 פרי, איז אַ סימן אַז עס איז אין אים גאָרנישט ניטאָ . . . עס איז אַ פּוסטער „אוקאַז" ! . . .

מיט גרויס בושה האָט זיך דער משומד אומגעקערט אַהיים און האָט מודיע געווען דעם קיסר, אַז די יידן האָבן דאָס מאָל אויך געטראָפן ! . . .

(פון מיין מאַמען).

## 6. שפּריכווערטער

1) אַז מען שאַצט אַ יידן אין ת"ק (500), האָט ער האַלב פון ק"ן (150).
2) אַז די מויז איז זאַט—איז די מעל ביטער.
3) אַז מען צעטיילט אין דער יוגנט נעמט מען צענויף אויף דער עלטער***.
4) אַז מען שטאַרבט בעגראָבט מען.
5) אַז מען איז ברוגז אויפן חזן טאַנצט מען נישט קיין קדושה.
6) אַז מען זאָגט א' און ב' גייט מען שוין ביז ת.

*** אַ רמז אויף פרומע גבאיטעס, וואָס זיינען אין דער יוגנט געווען קנאַפּ פרום.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין גרענד־פּאַלעי, קאָמערשל רויד, א.1.—3 אַזייגער נאָכמיטאָג).

שבת, דעם 3־טן פעברואַר, וועט חזן ש. ראָטה האַלטן אַ פאָרטראַג: די ענטוויקלונג פון חזנות; י. ביטש וועט לייענען „אַ חזן מיט משוררים" פון שלום אַש.

שבת, דעם 10־טן וועט חזן האַלטער זינגען זיינע קאָמפּאָזיציעס און בן־א. סאָכאַטשעווסקי וועט ריידן איבער חזן האַלטערס 51־יאָריק שאַפן.

שבת, דעם 17־טן, אַ סימפּאָזיום: די קולטור־טעטיקייט אין ענגלאַנד.

שבת, דעם 24־טן, דער טראַדיציאָנעלער פורים־פייערונג — פאָרלעזונג פון יידישן פאָלקלאָר און הומאָר.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאַוועל סטריט, א.1.
**פּרייז** 1/-.



לאָנדאָן-ווייטשעפּל
מערץ, 1945—העפטל 62.

# יידיש־שאַפן אין ענגלאַנד

## אונזער ביישטייער צום יידישן שאַפן

(דריטער עסיי „יידיש שאַפן אין ענגלאַנד")

### 1.

יעצט, ווען אונזערע חרוב געוואָרענע ישובים אינדערהיים וועלן פון זייערע פלאַמען אַרויס, צוריק אויפגעבויט ווערן, די צעשאָטענע רינגען פון אונזער גאָלדענער קייט צוריק צוזאַמענגעשמידט, און די שאַפונגען פון אונזערע נייע קיבוץ־גלותן וועלן בעל־כרחך מוזן מיט אַריינגעפלאָכטן ווערן, ליגט נאָך מער דער חוב אויף אונז צו פראָווון די עכטקייט און דעם גראַד פון אונזער יידישן שאַפן דאָ; צו פראָווון, אויב מיטן אַריינעמען אונזער רינג,—וואָס איז אויף יעדן פאַל נויטיק, בכדי דעם געוואַלטריס צוריק גאַנץ צו מאַכן! — וועט דער ווערט פון דער גאָלדענער קייט אונזערער נישט געמינערט ווערן, חלילה.

יאָ, עס וואָלט אַ סך לייכטער אָנגעקומען צו קוקן פון אויבן אַראָפּ און אָפּזאָגן אַ פּסוק: אַ זומפּ איז דאָס יידישע לעבן דאָ, און ווער ס'שטעקט נאָר אַריין אַ פוס דערין ווערט ער פאַרזונקן. אפילו די ליכטיקייטן, וואָס דאַכט זיך אונז דאָ טיילמאָל אויס, זיינען נאָר אַזעלכע פאַרפיר־ליכטלעך בלויז, בכדי דעם וואַנדערער צו פערנאַרן . . . און אָפּזאָגנדיק פרום דעם שפּרוך, פאַרשפּרייטן דאָס נאָז־טיכל און אַריבערשווימען בשלום דעם אָצעאַן אַזש ביז ניו־יאָרק. איבער ירדן ביז העט־העט נאָך תל־אביב.

יאָ, עס וואָלט זער גרינג אָנגעקומען אַזאַ צוגאַנג! איז ראשית כל, קאָנען מיר זיך נישט פאַרגינען יעצט דאָס פאַרגעניגן צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויפן מינדסטן פון אונזערע ישובים, און צווייטנס וואָלט דער לייכט אָפּגעזאָגטער פּסוק אויך נישט געווען אינגאַנצן גאָלד,—נישט אַלץ וואָס לייכט איז גאָלד! — דאָס מין לייכטן געהער מסתמא אויך צו יענע פאַרפירערישע און זומפּיקע פאַרפיר־ליכטלעך . . . אמת, מיר קענען נישט און מיר ווילן אויך נישט צוגיין צום קיבוץ דאָ מיט דער סקאַלע מיט וועלכער מיר פלעגן מעסטן דעם קולטור־ניוואָ אין אונזערע איינגעפונדעוועטע ישובים. דאָרטן, אין אונזערע אַלטע היימען, האָבן מיר געהאַט דעם ברייט־צעצווייקטן בליענדיקן און לעבעדיקן בוים פון פאָלקלאָר, פון צענדליקער דורות אַ צעוואָקסנדיקער. דאָרט האָבן די ערשטע שאַפער פון אונזער מאָדערנער קולטור נאָר געברויכט בלויז אויסצוזויגן דעם האָניק פון דעם אַלץ כסדרדיקן פרוכפּערדיקן אויפבלי אונזערן—אָ, די זיס־

קייטן, וואָס זיי האָבן צוזאַמענגעזאַמלט, און ווי זיס איז אפילו נאָך דער שטאָך פון אַ מענדעלע: נישט דאָס בין איך אויסן!

און אַז מיר האָבן פאַרצערט, געניסעריש, דעם אָנגעזאַמלטן האָניק, ווי האָט עס לייכט דער נייער דור יידישע שאַפער די אויסגעלייזדיקטע וואַקס־געוועבן צוריק אָנגעפילט מיט פרישע זיסקייטן — איז דאָך געווען אַזאַ בלי־ענדיקע שפע אַרום דעם איינגעוואָרצלט און צעצווייגטן שטאַם אויף אונזער היימישער ערד. אַזוי ווערט געשאַפן נאַציאָנאַלע קולטור — עס איז דער בלוט־קרייז פונם פאָלק צום שעפערישן און פונם געשאַפענעם צוריק צום פאָלק, בכדי ווייטער צו קרייזן, בכדי ווייטער צו בלייבן לעבן. איינער פונם צווייטן! און אויב אינדיווידועלע קונסט־שאַפונג איז אַנדערש פון פאָלקלאָר, איז עס אויף אַזויפיל נאָר אַנדערש אויף וויפיל דאָס בלוט פון די אָדערן איז אַנדערש, ווען ס׳גייט צוריק פונם האַרץ . . . יאָ, אַזאַ ברייט צעצווייגטע פאָלקס־קולטור—אַן אויפסנייי פאַרוואָרצלטן!—האָבן מיר שוין געהאַט געגרונדפעסטיקט אין אונזערע אַלטע ישובים, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך פאַר 1914, אָנהייבנדיק מיט אונזערע פאָלקס־לידער, איבער רבי לוי יצחק, דער בראַצלאַווער און דר. עטינגער ביז צו אונזערע קלאַסיקער, פון אש־רייזין־נאָמבערג, ביז בערגעלסאָן־הירשביין־איינהאָרן.

פאַר אונז, פאַרוואָרפענע אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר, אין די נייע קיבוצים, איז די יידישע ליטעראַטור שוין געווען, די מיט אונז מיטגעפירטע לאָגלען מים חיים פאַרן איינזאַמען פאַרוואָגלטן לעבן—די תורה שבכתב אונ־זערע. און האָבן אויפבלייענדיקע ווערטער נישט מער זיך געפרוכפערט אויף אונזערע וועלקנדיקע ליפן, זיינען זיי נישט מער ווי פלאַטערנדיקע פרישע זומער־פייגעלעך און ווי בינען פול געווען מיט זיסקייטן און מיט זאַמענדלעך פול מיט מתיקות און פקחות פון שעפערישן פאָלקלאָר, זיינען זיי אָבער דאָך נאָך געבליבן, פלוידערנדיק און פלאַדיענדיק — די תורה שבעל־פה, וואָס ווערט סוף כל סוף פאַרשריבן אין נייע קאַפּיטלעך.

ניין עס איז נאָך נישט די צייט צו פרואוון די עכטקייט און דעם גראַד פון אונזער געשאַפענעם דאָ — מ׳מוז שמידן דעם רינג כל זמן דאָס פייער ברענט! נאָך ליגן מיר אַלע איצט, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, צווישן האַמער און קאָוואַדלע — נאָך איז דער געוואָלד־ריס אין אונזער גאָלדענער רינג נישט צוריק צוזאַמענגעהאַפטן! און עס מוז גאַרנישט דוקא זיין אַ גאָלדן רינגל, אַז ס׳זאָל זיין בדת משה וישראל! אָ, אַז מיר דאָ, יידיש־ריידנדיקע, וועלן זיך קוקן מיט ליבשאַפט איינער אינם אַנדערנס אויגן אַריין און מיט די ביטערניש פון אונזער האַרץ און מיט דעם פאַרשטענדניש פון אונזער שמאַרץ, צולייגן דאָס אויער צום האַמערן איבער אונזערע קעפ.—אין דעם ריינעם און לויטערן וועט דאָס געשאַפענע דאָ אויפקלינגען גין־גאָלדן עכט און קלאָר און צוזאַמען באַהאַפטן וועט ווערן דער געוואָלדריס פון יידישן לעבן.

יאָ, אויסגעוואָרצלטע פלאַנצלעך און געוויקסן, אין באָדן נישט פאַר־פלאַנצטע, ווי לאַנג זיי האַלטן זיך צוזאַמען פאַרוועלקן זיי נישט. נאָך מער, זיי



בליען אפילו אויף אין זייער פינסטער באַהעלטעניש, פון די אָנגעזאַמלטע זאַפטן נערן זיי זיך איינער דעם צווייטן, אַזוי מוזן מיר זיין אין אונזערע נייע קבוצים, ביז דער באָדן אונטער די פיס ווערט געהיימישט צום שאַפנדיקן ישוב.

2.

אמת, דער יידישער באָדן דאָ אויף דער אינזל,—אפילו אָננעמענדיק אַז ער איז בשום אופן נישט קיין זומפ! — איז נישט קיין פלאַנצן־באָדן, שווער זיך אין אים צו פערוואָרצלען—עס איז זאַמדיקער ברעג! ענגלאַנד איז נישט אַמעריקע, פון אַן ערבוביה פון פעלקער זאָל זיך ערשט אויספאָרמען, פון דער ערד דאָרטן ערשט אויסקנעטן, דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק. דאָס מיט ימים אַרומגעקרייזטע ענגלאַנד איז נישט דאָס פרעריען צעשפרייטע אַמעריקע, וואו גייסטיק־„באַזעסענע" פונדערהיים מיט גרויסע קולטור באַגאַזשן און געהייליקטע טראַדיציעס גייען דערווייל אַן מיט זייער אייגענער קולטור אויף אַ גרויסן אופן, נישט קיין סך זיך רעכנענדיק מיט די איינגעזעסענע און איינגע־בוירענע. דאָס ענגלישע פאָלק איז אַ קאָנסערוואַטיוו פאָלק, מיט אַן איינגע־וואָרצלטער פעסטער קולטור און די יידיש־געבוירענע דאָ און אפילו די יונג אַהערגעקומענע ווערן שוין ממילא אַריינגעבוירן אינם קולטור־קרייז — עס איז שוין אפילו מער ווי אַסימילאַציע — ס׳איז ענגליש אַן ענגלישער קולטור!

די יידישע געסלעך אין אַמעריקע זיינען מסתמא אויך גאַנץ אַנדערע אינם גייסטיקן איכות ווי אונזערע ווייטשעפּעלער געסלעך, די „מאַזאַלעס"־הענט פון דער האַראַפּאַשנער מאַסע דאָרט האַלטן זיי מסתמא פעסטער צוזאַמען — קוואַנטיטעט אַקומילירט אָפט אין קוואַליטעט!

עס זיינען געווען „די יינגע" דאָרט אין אַמעריקע מיט זייער גראַנגל „אין זיך" און מיט זיך, מיט זייער תמימותדיקן גובר צו זיין דעם ביטערדיקן „אַנקל סעם", כדי צו קענען פאַר די גרויסע טאַטעס און זיידעס פון זייערע „לאַנדסמאַנשאַפטן" פאַרפלאַנצן אין זייער פאַרוואָגלטער דאָרט איינזאַמקייט, „די פוילישע וועלדער"—ווען נישט די אויסגעקעמפטע געזונטע אַטמאָספערע אַרום אייגענעם איך, דאָס שטאַמיקע און איינגעוואָרצלטע, וואָס שטאַכט זיך אַדורך דורך אַלע פינסטערסטע שיכטן פונם ערד־קיילעך ביז צום מקור, אָנצוטרינקן צוויגן מיט פרישן קוואַל־וואַסער פון אייביקן מים־חיים, וואָלט אַפּאַטאַשו נישט געקענט אַזוי חושימדיק און געזונט אויפלעבן די אַמעריקאַניש יידישע געסלעך מיט נייעם דורותדיקן לעבן, נישט ווייניקער ווי אַש׳ס מיט זיין „קוילער־געסל" — —

און וואָס פאַר אַ גלגול־של־יסורים האָט דאָס לייוויק געמוזט אַדורך־מאַכן,—פון סיביר ביז בראָדוויי!—אַז פונם געלייטערטן און לויטערן פון זיינע שניי־לידלעך זאָל ער קענען אויפבויען אַזאַ „גולם" — ער וואָלט דאָך געבליבן אַ געמאַכטער שניי־מענטש, ווען נישט דער שעפערישער שם־המפורש אונטער זיין צונג!

„די פוילישע וועלדער" און „דער גולם" געהערן שוין צום אייביקן אוצר

פון דער יידישער קולטור — צווישן דער געדיכטער טונקלקייט פון אַזעלכע שטאַמען קאָן זיך שוין געפינען אָן עקשן וואָס זאָל אַמאָל אויסשרייען „לא אזוז משם", און אַזאַ גולם קאָן אין זיינע גרעסטע יסורים שפּאַנען וואו די אויגן טראָגן אים — — — מ׳ווערט שוין נישט פאַרלוירן אויף גאָטס ערד!

אין ענגלאַנד האָבן זיך אויך נישט באַזעצט אין סאַמע ברען פון זייער שאַפן, אַזעלכע שרייבער ווי יהואש, פּינסקי און זשיטלאָווסקי, אַז ס׳זאָלן קאָנען אַרויסוואַקסן אַזעלכע „יינגע" ווי ראַבאָי, נאַדיר און גלאַזמאַן. אָבער לאָנדאָן איז דאָך נאָר געווען דער איבערגאַנגס־פּלאַץ פון אונזער נייעם ויסעו ויחנו נאָך ניו־יאָרק, דער דורכגאַנג־קאָרידאָר אַזוי צו זאָגן.

אָבער אין אַ קאָרידאָר פּוצט מען זיך נישט נאָר אָן די שיך, נאָר מ׳בלייבט אויך שטיין אויף אַ ווייל פאַרן שפּיגל און מ׳מאַכט זיך צורעכט דעם קראַוואַט — — און אַוועקגייענדיק לאָזט מען אַמאָל שטיין אַ פיינעם זיידענעם שירעם, מ׳פאַרגעסט אַ שטעקעלע מיט אַ קונציג זילבערנעם הענטל — דאָס אַ, איז דאָס באַשיידענע, דאָס אמתע וואָס לאָנדאָן, יאָ, וואָס דאָס ענגלישע יידנטום ברייננגט צושטייער צום אוצר פון אונזער מאָדערנעם יידישן שאַפן. עס איז נישט קיין סך, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס דער מיטלאַלטער האָט צושטייער געגעבן צו אונזער סכאָלאַסטישן שאַפן, איז אין קיין פאַרגלייך געוואַלטיק גרעסער. פון אונזער יידיש שאַפן דאָ אין ווייטשעפּל וועט האָפנטלעך מער בלייבן ווי דער איינער בעל תוספות און קינה־שרייבער פון יאָרק און דער שבת־זמר פון אבן־עזרא, וואָס ער האָט דאָ געשאַפן אַדורכרייזנדיק אויף זיין וואַנדערונג — —

אין ווייטשעפּל האָט ווינטשעווסקי געשריבן דאָס רוב פון זיינע סאָציאַלע לידער—דאָ איז ער געוואָרן דער „משוגענער פילאָזאָף"! דאָ, אויף דעם באָדן, אויף אונזער פאַרבלאָטיקטן ווייטשעפּל־פּיצעלע, אונטער די קאַלטע זשאַווערנעפּלען, ווי אונטער גראַטעס, האָט ראָזענפעלד, דער ייִנגער לייב פון אונזער נייער דיכטונג געשפּאַנט איבער דריי יאָר און זיינע לידער געברילט אין זיינע גרויסע וואַנסעס אַריין. יאָ, ווי איינער פון אונזערע פאַרצייטיקע „משוגע איש הרוח" האָט ער דאָ געמוזט אַרומשפּאַנען אַז דאָס דאָרנדיקע דאָ האָט מיטאויפגעפלאַמט אינם „סנה" פון יידישן שאַפן. און זייט דעמלט טליעט עס דאָ אונטער דעם דאָרניקן קשאַק. עס בליט אויף און ס׳פאַרוויאַנעט, אָבער דער אָנגעצונדענער פונק ווערט נישט מער פאַרלאָשן. דער אויסגעטריקנטער דאָרן דערשפּירנדיק דעם פונק, ווערט ער דאָך אָנגעצונדן מיט לעבעדיקן פייער.

.3

שעפערישקייט איז ברענענדיק אויסגעאָטעמט לעבן; בענקענדיק און צווייגנהאַפטיק צעשטרעקט צום ליכטיקן הימל און צו אַלע פיר זייטן, מיט דינסטע פעדימלעך פון האַרץ זוכנדיק, פאַרוואָרצלט אין פינסטערסטער טיפעניש, פאַרעמט עס זיך צו נייעם לעבן. צעדער און טענענביימער קאָנען פון דעם אויסגעאָטעמטן אויפגיין און זיך ברייט צעוואַקסן און אויף די שטעכעדיקסטע



דערנער נאָך די צעפּלאַמטעסטע רויזן, און צומאָל די אייז־בלומען, וואָס גייען וואונדערלעך אויף אין דער קרירהדיק־שטעכעדיקסטער אַטמאָספערע — און אַז זומער־פייגעלעך און בינען קאָנען פון די לעצטע קיין זיסן האָניק נישט אויסזויגן! און פון די טויזנט געפאַרן וואָס טשאַטעווען אויף יעדן לעבעדיקן געוויקסל און בריאה איז דאָך מסתם די געפערלעכסטע און די שרעקליכסטע, זיך צו מוזן אויסהיטן פאַרן מינדסטן זונען־שטראַל — אָבער פאַר נאַטור אַפנים איז קיין אוממעגלעכקייט נישט פאַראַנען.

אַ, ווי וואונדערלעך די נאַטור גייט אָן מיט איר אַרבעט! און איז דאָס נישט אַ נס בתוך הנס אַז פון יענע בלוטיקע קרייץ־צוג־יאָרן זיינען אַזעלכע פּלפּול־אַפּאַלן אונז געבליבן, ווי די בעלי תוספות און צווישן זיי איינער נאָך דאָ פון יאָרק? אָבער דאָס נס קומט נישט נאָר פון אויבן, מיר מוזן עס פעסטהאַלטן מיט אונזערע הענט — איינשלינגען מוז דאָס פאָלק די פייערדיקע מגילות, מיט זייערע אייגענע לייבער זיי אָפּצוראַטעווען פאַר דער אייביקייט.

ס׳וואָלט זער גוט געמאָלט געווען, אַז פון דער יידישער גייסטיקער אַרבעט דאָ וואָלט קיין זכר נישט איבערגעבליבן: ווייניק אין כמות, נאָך ווייניקער אין איכות וואַקסט דאָך דאָס ווילד־קרויט פון עמי־הארצות און פּלאַגיאַט! און דאָס ביסעלע וואָס פאַראַנען ווערט ממילא גיפטיק צעפרעסן און העזהדיק פאַרטריבן. נישט די ווייניקער טאַלענטירטע האָבן עוקר געווען פון דאַנען און צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, נאָך יענער ערשטער וועלט־מלחמה. און דעם סאַלענטירסטן דעמאָלט מסתמא, אברהם וויעוויאָרקען, האָט מען עוקר מן השורש געווען, און יעדעס מיטל איז גוט גענוג געווען כדי אים אַרויסצוטראַנספּאָרטירן . . . עס וואָלט זער גוט געקענט געמאָלט זיין — — וואָרום פּלאַגיאַט מעלה־גירהט אַזוי לאַנג ביז ס׳בלייבט ביים ליידיקן! און די געזעלשאַפטלעכקייט און די עפנטלעכע מיינונג, ביי אַזאַ כמות און איכות פון גייסטיקייט איז דאָך ווידער דער עמי־הארצישער חצוף וואָס מאַכט זיי. עס איז אַ פאַרשאָלטענער כשוף־רינג אין וועלכן מ׳דרייט זיך און פון וועלכן מ׳קאָן נישט אַרויס, אַזוי ביזן היינטיקן טאָג!

אָבער עס האַנדלט זיך איצט שוין לגמרי נישט מער אין אונזערע געשעצטע מנהיגים און כל־ערליי קולטור־טרעגער און אפילו שאַפער, אויף וויפיל זיי שעצן אונזער ביסל געשאַפנס דאָ, ווי בכלל אונזער גאַנצע קולטור און ליטעראַטור, און אויף וויפיל זיי גופא זיינען די מיטשולדיקע אין אונזער גייסטיקער חורבה דאָ, אין יידישן ענגלאַנד . . . יעצט, ווען אונזערע חרוב געוואָרענע ישובים אין דער היים וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן,—ביז זיי וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן,—מוז אונזער ישוב דאָ מיט אַריינגעבויט ווערן, ווען אפילו נאָר גייסטיק קאָנסטרואירט. דער פאַרכשופטער רינג דאָ מוז איצט ווערן דאָס ווינטשפינגערל וואָס שמידט צוריק צוזאַם דעם געוואַלט־ריס אין אונזער גאָלדענער קייט.

צום גליק זיינען אַ טייל שרייבער און דיכטער פון די חרוב געוואָרענע ישובים געראַטעוועט געוואָרן אין אַמעריקע און סאָוויעט־רוסלאַנד, און ס׳איז

קיין ספק נישט, אַז מיט די צוגעקומענע נייע כוחות איז דער שעפערישער יידישער כוח אין די דערמאָנטע לענדער אַ סך פאַרשטאַרקטער געוואָרן. אויך אונזער ישוב דאָ, אפילו ווען ר'האָט נישט די צוציאונגס־קראַפט פון אַזעלכע יידישע קולטור־צענטרן ווי ניו־יאָרק און מאָסקווע—אָבער פון אונזער צעבראָ־כענער שיף אַראָפּ דאָ אַהער געראַטעוועט האָט זיך מאַנגער, און ווען ס'פינקלט נישט אַראָפּ דאָ קיין שטערן פון זיין דאַך, איז עס כאָטש וואָלקנס — — עס איז זער שווער פאַר אַזעלכע, וואָס מוזן דורכאויס האָבן אַ זיכערן דאַך איבער זייער קאָפּ, בפרט אין אַזאַ בלוטיקער צייט, ווען דאָס ברעט אויף וועלכן מען ראַטעוועט זיך מוז ווערן דאָס טהרה־ברעט פאַרן שאַפנדיקן. און נאָך שווערער איז דאָ פאַר אַזעלכע, וועלכע מוזן האָבן היימישן באָדן אונטער זייערע פיס, כדי אָן אייגן בערגל אויסצוקנעטן, יעצט, ווען די „הרים רקדו כאלים“ זיינען די אויסגעזייטע קדושים־בערגלעך — — אָבער עס איז גוט, אַז אַזאַ שריי־בער ווי פוקס איז דאָ מיט אונז, וואָס ווייסט דעם מרה־שהורהדיקן סוד פונם מיענדיקן מויל־וואָרף! . . . אמת, מ'מוז האָבן ערד אונטער זיך, בכדי דאָס אייגענע „אונטערן בערגל“ אויסצואָטעמען, פאָלקלאָר — די שינדלען איבערן דאַך צו קענען לייגן . . . און אין אונזער שפּראַך־וויסנשאַפט דאָ, פאַר וועל־כער „ייוואָ“ האָט באַטייט: אַ שליח, וואָס קומט אַהער געלט זאַמלען! וואָס קאָן אַן איינזאַמער פאַרוואָגלטער יידיש־פאָרשער ווי דר. אָלשוואַנגער שוין מער מאַכן דאָ ווי נייערט זיצן און טון עפּעס פאַר זיך—„והמשכיל בעת ההיא ידום“! — פאַר אונז אָבער איז עס זער אַסך.

נישט קיין סך איז דאָ אויף דער אינזל געשאַפן געוואָרן און ביי דעם גרויסן חורבן אונזערן האָבן זיך נישט פיל פון אונזערע גייסטיק שאַפנדיקע דאָ אַהער־געראַטעוועט, אָבער אָפּגעראַטעוועט וועט ווערן דאָס ביסל דאָ אין זכות פון אונזער אָפּגעראַטעוועטן לעבן, אין זכות הקיום פון אונזער נייעם יידישן שאַפן.

א.נ.ש.

משה עובד

## קו־קארו־קו

(פון בוך „אין חדר אַריין“)

### א.

האָן קרייט
„קו־קאָרוקו!“
האָן קרייט,
„מיין קאָם
אין פלאָם!“
בעלפער שרייט,



„קמץ אלף אָ!“
בעלפער שרייט,
„בראשית זמן!“

### ב.

האָן קרייט
„קו־קאָרו־קו!“
הימעל איז פורפור —
פורפור און בלאָ!“
בעלפער שרייט,
„אין חדר אַריין!
יעדעס אות
פון שמות
איז פיל מיט געוויין.

### ג.

קרייט האָן,
„קו־קאָ־רו־קו!
גענוג שוין גענוג שוין געפופט!“
קרייט בעלפער,
„ישראליקל דו!
חדר כסדר רופט!“

### ד.

קומען צופליען שניי־ווייסע שעהן
אין הימעל פלאַקערט אַ פלאַמענדע פאָן!
רופט בעלפער,
„ויקרא!“
רופט האָן
„קו־קאָרו־קו!“

### ה

קרייען און שרייען
בעלפער און האָן
„ויקרא!“
„קו־קאָרו־קו!“
ביז ס'קומען צופליען זילבערנע טעג,
פאַרשפרייטן גאָלדענע רגעס ווי מאָן
אויף דעם „במדבר“ און „דברים“ וועג.

## דעם בעלפערס אויסרוף

הערט אויס, קינדערלעך, בני ובנות ישראל
וואס איך האב צו אייך שארית הפליטה צו זאגן,
פון זמן צו זמן, איבער בלאטיקן, בלוטיקן בארג און טאל
האב איך אייך אויף מיינע שוואכע פלייצעס געטראגן.
און דאס האט נאר געקאנט געשען
ווייל מיינע פליגלען זענען איר געווען.

איך האב אייך געוויזן דעם ליכטיקן וועג,
וואס שטראלט פון נייעם בראשית
ביז די אחרית־הימים טעג
און דאס האט נאר געקאנט געשען,
ווייל דורך אייערע קינדער אויגן
האב איך גאט געזען.

און ווען ע ר איז בייז געווארן
און אין זיין גרויזאמען גרימצארן
מיינע פליגלען צעפליקט, צעבראכן,
מיינע אויגן אויסגעשטאכן
האב איך זיך אוועקגעשטעלט
אין פארחושכטע ווינקלען
פון אונזער חורבה־וועלט
און הויך אויסגערופן,
דער אל־צבאות
ער ווייס פארוואס
ער טוט זיין בעלפער שטראפן.

---

לעא קעניג

---

## דאס געבורט פון א פאלקס־ליד

(וועגן משה עובדס „ליד פונם אלף־בית")

ווי אזוי ווערט געבוירען א פאלקס־ליד ? —

ניטא היינטיגע צייטען קיין „שטומע מילטאנס". קיין „אנאנימען": אלע און אלעס ווערט היינט געדרוקט און בפירוש אונטערגעחתמעט פון פלוני ופלוני. ווער איז עס היינטיגע צייטען ניט באוווסט און בארימט ? יעדער „קרוגער" און, להבדיל, יעדער חזן, די דרוק־קונסט און דער קולט פון „פובליסיטי" זיינען איצט אזוי פארשפרייט און אנטוויקעלט אז קיין מענש



מען שוין, ראכט זיך, ניט א אינטימען קרעכץ טון, אדער אונטערזינגען עפעס פאר זיך, ווען ס'איז אים אומעטיג אויפן הארצן. זשורנאלען און צייטונגען זיינען ווי א נעץ פארשפרייט ארום אים. פארלעגער פון נאמען און געשיכטעס; פובליסיטי אגענטען און טאלאנטען־אנטדעקער נישטערן איבער די פארוואריפענסטע שטעטלעך און דערפער אין געיעג נאך נייע טאלאנטען כדי אליין אויפגעריכט צו ווערן מיט א גוטער הכנסה.

אזוי, אז אויב עס זיצט שוין אמאל אויף א פלוים ערגעץ אין א פארווארפענעם דארף א „שטומער מילטאן" און שפילט אויף א פייפעל — מעגט איר זיכער זיין אז ער וועט באלד אנטדעקט ווערן און האבן זיינע פיקטשורס אין אלע צייטונגען. און איר וועט אים שוין הערען אויף דער ראדיא. און מיט זיין נאמען וועט קלינגען די לופט פון איירופע און אמעריקא.

ניטא קיין אנאנימען היינטיגע צייטען. כמעט יעדער טראגט א שטאלצען געדרוקטען נאמען. כמעט יעדע פאמיליע, יעדע משפחה האט א גליד צו א קרוב וואס איז ווי עס, און ווו עס איז בארימט. ניטא קיין אנאנימען און דוקא אין א צייט, ווען . . . מיליאנען מענשליכע לעבענס זיינען ווי נארטים, ווי נארטים.

---

און עס איז אמשר א גרויסע שאד וואס עס זיינען היינט ניטא קיין אנאנימע דיכטער. מיר וואלטן אהן אנערך פיל ווייניגער געדרוקטע און אונטערגעחתמעטע ביכער געהאט ווי מיר האבען איצינד. אבער דערפאר וואלטען מיר אמשר רייכער געווארען מיט א צענדליג אמתע און פיינע פאלקס לידער. אנאנימע, ליבע פאלקס לידער. און וואלט ניט דער געווינס פיל גרעסער געווען ? —

און ס'איז אמשר אויך דער שאדען פון אונזערע היינטיגע צענדליקער און צענדליקער בארימטע — כשר פארדינט בארימטע — פאעטען: ס'איז דאך אזוי טראג.יש, און טראגי־קאמיש אפט צו זיין בארימט צו טראגען דעם יאך און דעם באוואוסטזיין פון א בארימטען נאמען: האלטען אין איין היטן דיין כבוד און אומכבוד. און דאס טראגישסטע איז: עס זינגט זיך דאך אזוי בעסער און ריינער ווען מען זינגט פאר זיך — פאר די פאר געצעלען ביים ווערקשטאט, אדער אויף א היימישער חתונה אין א קליין שטעטל —און מען ווארט ניט אויף קריטיק, אויף גרויסען אפלאז און מען איז ניט פול מיטן באוווסטזיין אז דאס ליד שרייב איך, דער גרויסער און בארימטער א י ך.

און נאך א זאך:

דער אמאליגער אנאנימער פאלקס דיכטער, פאלקס זינגער אדער טרובאדור האט געהאט א פיל בעסערן, א טויזענט מאל בעסערן ר ע ד א ק ט א ר פון אלע היינטיגע בעסטע און בארימטסטע רעדאקטארען: דאס פ א ל ק אליין פלעגט ר ע ד א ג י ר ע ן די לידער פון

זיינע אנאָנימע פאָלקס זינגער, דיכטער און בדחנים. קוים נור דאָס פאָלק האָט „אָנגענומען" אַ ליד פון אַזאַ זינגער, גענעמען עס אין טויל אריין זינגען, האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבן דאָס ליד אין איין וועגס רעדאַגירען. דאָרט צוגעלעגט אַ קרעכץ, אַ קנייטש, אַ ווייך פארביג וואָרט, אַ „סומנע" קאָליר. דערפאַר האָבען ס'רוב פאָלקס לידער עטלעכע וואַריאַציעס, דיאַלעקטישע, קלימאַטישע. און דאָס אַנאָנימע ליד ווערט אַ פאָלקס ליד. דער אַנאָנים ווערט „פארזאַמעלט" אין פאָלק אויף אייביג. דאַרף אַ אמתער דיכטער אַ בעסערע לוין, אַ אמת'רע אונשטערבליכקייט ווי די זכיה ר ע ד אַ ג י ר ט צו ווערן פון פאָלק אליין? —

און היינטיגע באַרימטע רעדאַקטאָרען פון די באַרימטע פאָעטן: עס וועט איבערגעהן אַ יאָרהונדערט, און אפשר נאָך ווייניגער, און דער ליטעראַטור היסטאָריקער וועט זאָגען — „אַזוי און אַזוי האָט מען געשריבען און רעדאַגירט אין יענער עפּאָכע". און די אַלע היינט באַרימטע נעמען וועלען קריגען איין נאָמען. און אפשר אפילו ניט קיין נאָמען נור אַ דאַטע. און דאָס פאָלק וועט זיי ניט געדענקען.

---

זיינען צווישען אַלע היינטיגע מאָדערנע, פארדינט־באַרימטע דיכטער נאָרניט פארשטעקט באַהאַלטען אַ פּאָר אַנאָנימע, פאָלקס דיכטער?

אָפּטמאָל, ווען איך האָב דעם כבוד און דאָס פארגעניגען (איך מיין עס . . . ) צו באַגעגענען זיך מיט איינעם פון אונזערע מאָדערנע באַרימטע דיכטער, קומט מיר ארויף אַזאַ שפּילעוודיקע פראַגע: וואָלט אָט דער באַרימטער, מאָדערנער און קולטורעלער דיכטער ניט געוועזן איינער פון יענע אַמאָליגע אַנאָנימע געזעלען, זינגער טרובאַדורען, ווען ער וואָלט געהאַט דאָס גליקליכע אומגליק צו לעבען מיט יאָרהונדערטער צו צוויי צוריק? —

ס'איז אָפּט אַזוי אינטריגירענט פּיקאַנט — און אפשר אויך וויכטיג? — צו זוכען אין דעם מאָדערנעם דיכטער דעם נאַטירליכען טרובאַדור; אין דער מאָדערנער באַרימטהייט דעם פּרימיטיווען אַנאָנים.

און מען קען, דאַכט זיך, אַ פּאָר פון זיי צווישען זיי געפינען. אויב ניט איינגאַנצען, ווי זיי שטעהען און געהען אין זייער שאַפען איז אין געוויסע זעהר כאַראַקטעריסטישע „פּישצעווקעס" און „פליטערלעך".

וויפיל לידער אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור (פון זינט זי איז אַ מאָדערנע ליטעראַטור געוואָרען) וועלען עס די זכיה האָבען מיט דער צייט אַ א נ אָ נ י ם צו ווערען, ד"ה „פארזאַמעלט" ווערן אין פאָלק, אַזוי אַז מען וועט פארגעסן די איצט באַרימטע נעמען פון זייערע פארפאַסער און מען וועט מיינען אַז זיי זיינען פאָלקס־לידער? וויפיל? ניט קיין סך, דאַכט זיך.

עס קומען אויפן זינען די נעמען פון אברהם רייזען, משה לייב האַלפערין, מאַנגער . . . און אפשר נאָך אַ פּאָר פון די היינט שטאַרק באַרימטע און ווייניגער באַרימטע (עס זיינען אויך פאַראַן פארגעסענע און פארזעהענע



באַרימטהייטען) וועלען האָבען די זכיה צו צאָלען „מעשר" דעם אונשטערבליכען „אַנאָנים" — דעם פאָלקס זכרון?

און אפשר נאָך מער ווי עס דאַכט זיך, ווייל אפילו די מאָדערנע הויך־אַנטוויקעלטע פּובליסיטי און רוהם טעכניק, קען ניט איינגאַנצען פארטיליגען די שעפערישע תמימות פון אַ פאָלק; און די שטילע, אייביקע מענשליכקייט פונם יחיד.

---

אַזאַ ליד איז דאָ לעצטענס, דאַכט זיך מיר, געשאַפען געוואָרען ביי אונז אין לאָנדאָן. איך מיין איצט דאָס ליד פונם אלף בית פון אונזער משה עובד. אומגערעכט און דאָך ווי גערעכט. איצט ווייס איך אַז איך האָב שטענדיג געוווסט אַז „דאָס ליד איז געווען אין אים", ווי מען דריקט זיך אויס אין ענגליש. אונזער גוטע באַקאַנטשאַפט לעבט שוין איבער צוויי וועלט מלחמות.

איך קען משה עובד'ן, דאַכט זיך מיר, אין אַלע זיינע פאָזען און געשטאַלטען: אַלס דערפאָלגרייכען, באַוווסטזיניג עקסצענטריש־ראָמאַנטישען סוחר פון אַנטיקען און טייערע שטיינער, און אַלס דעם נאַאיווען קליין־שטעטלדיקען נאָט און אמת זוכער — דער מחבר פון „ארויס פון כאָאָס". איך קען אים אַלס דעם אייגענטימער פון אַ גאָר פעשענעבל צירונג געשעפט, און . . . אַלס איינעם, וואָס רעדט און שרייבט ביי אונז איינם זאַפטיגסטען פוילישען יידיש, און א י ן אַלע זיינע פאָזען און געשטאַלטונגען — נאַטירליכע און פויליש־קאָקעטיש און פּסעוודאָ־קינסטלעריש געמאַכטע — האָב איך זיך ניט געקענט העלפען און געמוזט זען דעם אַמאָליגען פאָלקסטימליכען בדחן און זינגער. אויף יידישע חתונות. אויף די אַלע ירידען און שול־הויפען. אפילו מיט אַ איקס־מיקס־דריקס בערדעלע האָב איך אים שטענדיג געזען. —

און איצט האָט ער זיך באַוויזען:

ער האָט אָנגעשריבען אַ לידעל וואָס איז שיער ניט אַ עכט און ריין פאָלקס־ליד; אַ ליד וואָס קען שטעהן אין איין רייע מיט „די שיער ניט פאָלקס לידער" פון וואַרשאַווסקי — דער מחבר פון „אויפן פּריפּעטשיק".

דאָס ליד איז אין אים שטענדיג געווען. פון יידיש־פוילען האָט ער עס מיט זיך מיטגעבראַכט מיט זיך קיין ענגלאַנד. עס האָט אים ניט געלאָזט רוהען, כאָטש ער האָט אפשר ניט געוווסט דערפון. ער האָט עס אָפּטמאָל געלאָזט ארויסגליטשען זיך פון זיינע פינגער, שפּילענדיג זיך מיט זיינע אַנדערע „רייכע" פּאַטשערקעס און טייערע שטיינדלעך. ענדליך, נאָך לאַנגע יאָרען בלאָנדזען האָט ער דאָס ליד געפינען.

דער אַנאָנים האָט זיך אַנטפּלעקט.

אברהם בוימערדער

## וואו איז מיין טאטנס קבר

ווען א שטיקל גמרא פלעגסט לערנען מיט מיר,
ווי אויפגעלויכטן האט דיין טרויעריקער בליק!
יעדעס ווינקעלע אין שטיבל פלעגט לייכטן! . . .
כאטש טונקל פינסטער געווען איז דיין גליק! . . .

היינט — — אט זע איך ווי א קבר גראבסט פאר דיר!
א, מיין בליק פון טרערן פארלאשן ווערט,
דיין הדרת פנים שוין פון לאנג בלייך, פארשמאכט!
דיין ליכטיקער שטערן אויסגעמישט מיט ערד!

און אפשר! אין די וויסטע גאז־קאמערן?
כ׳הער דיינע תפילות מיט יידן אן צאל!
דיינע ליפן שעפטשן: קינדער! זייט געזונט! . . .
דיין לעצטן אטעם איך הער: שמע ישראל! . . .

---

אהרן גאלדבערג

## צום אנדענק פון דר. יעקב מאיר זאלקינד ז״ל

(א פארשפעטיקטע אפשאצונג *)

I.

דר. יעקב מאיר זאלקינד איז נפטר געווארן אין חיפה כ״א שבט, תרצ״ח (1875—1938). זיין טויט — אינם לאנד פון זיינע חלומות, אין ארץ ישראל,— ווי זיין לעבן אין לאנדאן, איז פארביי שטיל—הלך לעולמו . . . לאנדאן האט ניט מרעיש געווען איבער זיין טויט; קיין גרויסע (אפילו קליינע ניט) הספדים נאך אים זיינען אויך ניט געמאכט געווארן. זיין געדעכעניש, זיינע יארן מי און ארבעט דארטן, זיין פען, מוח, הארץ און א טייל פון זיין לעבן, וואס ער האט אין לאנדאן אוועקגעגעבן, האט מען אפילו ניט אפגעצאלט נאך זיין טויט,—דעם חוב, דעם לעצטן כבוד, וואס מ׳צאלט ביי אונז יעדן מינדסטן ר׳, רבל און סתם אינטעלעקטואל. אויך אין זיין טויט האט דאס מזל אים ניט נאכגעלויכטן!

י. מ. זאלקינד איז געווען א גבור אין זיין שאפונגס־יצירה. נאר יחידי



סגולה האבן דערפילט און געוועץ בכוח אפצושאצן די גייסטיקע גבורה. דאך האט זיין שאפנדער גייסט נישט געקענט שולט זיין די תמימותדיקע פראסטע פאלקסמאסן; זיי די פאלקסמאסן צו וועלכע ס׳האט אים דוקא געצויגן און וועמען ער האט שפעטער אינגאנצן זיין לעבן מקריב געווען. זיי, די פאלקסמאסן ווידער האבן ניט געקענט תופס זיין די דאפלטע גבורה זיינע — די פיזישע און גייסטיקע. דאקעגן דר. י. מ. זאלקינד האט קיינמאל ניט געקאנט משיג זיין די עם־הארצות אויף וועלכער ער האט זיך אפגעשטויסן אויף אלע זיינע פערשידענע געביטן פון פאליטישער און ליטערארישער יצירה.

אט דער פלאנטערנדיקער כאראקטעריסטיש פסיכאלאגישער שטריך איז געווען בולט אין זאלקינדן, און די וואס האבן געהאט די זכיה אים צו קאנען נאענט האבן דאס דערפילט אויך אזוי בולט.

בולט האט זיך אויך געפילט די פארשידנארטיקייט פון זיין טאלענט און די צעשפליטערטקייט פון זיין כאראקטער און שאפונגס־וועזן.

* *

דר. י. מ. ז. האט געשטאמט פון קאברין און פון מיוחסדיקע עלטערן. זייענדיק נאר א קורצע צייט באקאנט מיט אים האט ער מיר גלייך ביי דער ערשטער געלעגנהייט דערמאנט וועגן זיין גרויסער ליבע צו זיין מוטער, וועלכע איז געווען אן אוראייניקל פון לובלינער רב און געצויגן איר יחוס פון מהרש״ל, תוספות יום טוב און רש״י.

די דאזיקע ליבע און פארערונג צו זיינע עלטערן און זיין שטאם האט ער אין זיינע שפעטערע יארן אויסגעדריקט אין אן אדע־עפיטעפ אין זיין מסכתא „כלאים״ (יידיש) בזה הלשון:

[„צום אנדענק פון די הייליקע נשמות פון מיינע אונפארגעסלאכע עלטערן אבי מורי ר׳ מרדכי יהודא ליב ב״ר מיכאל יוסף הלוי זאלקינד נ״ע, אן אייניקל פון דעם בעש״ט זצ״ל און א צווייג פון דער בארימטער פאמיליע דון יחיא ואמי מורתי חיה אסתר באשה בת ר׳ יעקב מאיר סאלאווייטשיק נ״ע און אן אייניקל פון חכם צבי, תוספות יום טוב און אנדערע גאוני עולם, וועלכע האבן מיר געלערנט צו ליבן דעם גאט פון ישראל, זיין תורה, זיין פאלק און זיין לאנד מיט דעם גאנצן ברען פון א יידישער נשמה ווידמע איך בדחילו ורחימו דאס ווערק וואס וואלט זיי ביי זייער ערדישן לעבן געוויס פארשאפט דאס העכסטע גליק.—זייער זון דער מחבר.]״.

אט דער זעלטענער עפיטעפ פון א מאדערנעם, „פרייגעזאנענעם״ יידישן געלערנטן און חכם פון אונזערע דורות, באווייזט ווי טיף ס׳זיינען די יסודות און ווי שטארק די פעדים אין דער נשמה פון די וואס זיינען דערצויגן געווארן אין יידישקייט און אויפן טיפן ים התלמוד. דאס וועט אפשר אויך דערקלערן זיין „ליבע וואס איז געווען שטארק ווי דער טויט״ צו זיין גרויסן אידעאל — דער תלמוד אין יידיש, וואס ער האט אונטערגענומען זיך צו איבערזעצן.

זיינע גאונישע אייגנשאפטן זיינען שוין געווען בולט אין זיין יוגנט נאך: גע׳שמט אלס דער קאברינער עילוי, בעל דקדוק, בעל לשון, און שפעטער מיט

זיין געוואוינהייט צו חידות און משלים — אולטראַ גאונישע און יידישע אייגנשאַפטן, וועלכע ער האָלט אָן ביז צום ענדע פון זיין לעבן.

ווי די יחידי סגולה פון זיין דור, געפינט ער זיך אויך צווישן אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה און אויך זיין נשמה אָנגעזעטיקט מיט תורה, מיט אַ תשיקה לחכמה און מיט אַ חיבה צום לשון הקודש. און אין דעם לשון באַווייזט זיך זאַלקינד מיט זיין פען אין דער „הצפירה" אין 1900 און אין דעם באַרימטן פערלאַג פון יענער צייט „תושיה", וואָס איז אַזוי באַקאַנט געווען מיט זיינע גרויסע און קליינע אויסגאַבן פאַר דער יידישער יוגנט אויף אַלע געביטן פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט. וועגן זיינע ערשטע ליטעראַרישע שאַפונגען וועל איך פרובן זיך אָפּשטעלן צום סוף פון די אַרטיקלן, אין אַ באַזונדער ביבליאָגראַפישער ליסטע.

נאָך וואָלאָזשין קומט אַ רייך קאַפּיטל שווייץ. ער האָט שטודירט אין דער שווייץ, אין יענע גאָלדענער עפּאָכע פון יידישער רענעסאַנס, ווען יידישע סטודענטן און דאָקטוירים־פילאָזאָפן און אַנדערע איסטן האָבן דעמאָלט געשוויבלט און געוויבלט ווי פיש אין וואַסער: יידן און ניט־יידן. אייניקע עפּיזאָדן פון יענער שווייצאַרישער עפּאָכע האָט ער מיר געשילדערט און דערציילט בעל פה: וועגן זיין סטודענטשאַפט טעטיקייט; וועגן זיין גרינדן דעם „קדימה" סטודענטן פעראיין און אַ קיך פאַר אָרימע יידישע סטודענטן. וועגן רוסישע נאַראָדניקעס און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, נעמען וואָס זיינען געווען געשיכטע—יידישע און ניט־יידישע. וועגן זיין חברותא און זיין חברשאַפט מיט דר. יעקב קלאַצקין (העברעאישער שריפטשטעלער און איבערזעצער פון סענעקאַ און אַנדערע גריכישע פילאָזאָפישע שטרעמונגען). ז. האָט אויך געהאָט די זכיה צו זיין אַ תלמיד פון גרויסן דייטש־יידישן ביבליאָגראַפער און יידישער געשיכטס־פאָרשער און קריטיקער דר. ש. שטיינשניידער. און ס׳וואָרט דאַדורך קלאָרער די גרויסע ליבע און התמדה וואָס דר. ז. האָט געהאַט צו ביבליאָגראַפיע, צום יידישן בוך, מיט וואָס ער האָט זיך אָנגעגעבן מערער ווי עפּעס אַנדערש, אַ חוץ זיין תלמוד.

ביי נאַטור איז ז. געווען אַ בונאַטר, אַ רעוואָלוציאָנער. אַ מענטש מיט אַ פרייעם ווילן און פרייעם געדאַנק; אַ דענקער און יידישער סאָציאַליסט מיט ליבע צו זיין פאָלק, צו זיין תורה און מיט אַ געפיל פון חרדת הקודש צום יידישן ספר, צום יידישן בוך און אות, וואָס האָט פונקט ווי דאָס פאָלק, געליטן מאַרטיראָלאָגיע — דעם האָט ער געווידמעט זיין ענערגיע און זיין חיות די טעג פון זיין לעבן.

ז. — ווי פּעטער קראָפּאָטקין, דער רוסישער געלערנטער, אַנאַרכיסטישער טעאָרעטיקער — איז געווען דער יידישער גראַף לויט זיין יחוס, געלערנטקייט און לויט זיין נאַטור און אָנשויאונגען. ער האָט כמעט אויך געלעבט אַזאַ נע־ונד לעבן ווי יענער גרויסער רוסישער פּרינץ — פרייוויליג . . . ביידע האָבן זיי געקענט לעבן גליקלעך, אין פּראַכט און אין כבוד! פונקט ווי קראָפּאָטקינען האָט אים געצויגן צו דער נשמה פון קינד, אין דער יוגנט־



לעכער פּאַזע פון זיין שאַפן; שפּעטער צום אָרעמען קלאַס און מענטשן . . . ז. איז שטענדיק ייד — נאַציאָנאַל. אין דער שווייץ, אין זיינע סטודענטישע יאָרן דינט ער דעם סטודענט און וויל אים ערציען אין יידישן און נאַציאָנאַלן גייסט. אין לאָנדאָן וויל ער דערציען אינם זעלבן גייסט די יידישע אַרבעטער־מאַסן—אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אָבער אין זיין חזיון און דמיון לעבט ניט קיין יידישער קלאַס נאָר אַ יידישער פאָלקס־מענטש, אַ היימלאָזער יידישער מענטש און אַרבעטער; צו אים רעדט ער און דרשנט זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע טראַקטאַטן; ווען ער רעדט וועגן זיין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן מצב זעט זיך און פילט זיך אַרויס דער תוך פון דער יידישער עטיק, די יידישע שמיטות און יובלות און די רעכטן פון יידישן אָרימען מענטשן, וואָס זיינען געווען די ראשי פרקים און כללים פון יידישן רעכטס־געזעץ אַמאָל . . . אַמאָל . . . ער שטורעמט ניט מיט רעוואָלוציאָנס פראַזן און מיט „סאָציאַלער־רעוואָלוציע" אַלס אידייאישער אַנאַרכיסט; זיינע געדאַנקן, אידייעס און חלומות האָבן פערמאָגט אין זיך מער פון נביאישן שוואונג און דעמערונג; ער האָט געחלומט פון נאָך העכערע, און נאָך יושרדיקערע וועלטן ווי די וואָס ס׳האָבן ענטהאַלטן די „אַרבעטער פריינד" זייטן. פון זיינע אויגן האָט געטריפט די בענקשאַפט צו די בערג פון ציון, צו ברייטע ימים און לענדער. זיין אַנאַרכיזם איז געווען נאָר אַן אידייאישער־פּרוזדור כדי להכנס לטרקלין של נשמת־העם — כדי צו באַהעפטן זיך מיט די מאַסן. אמת, ער איז שפּעטער געוואָרן אַן ענטוישטער, און ווען זיין האַרץ האָט געווייטאָקט פלעגט ער שטענדיק אויסדריקן זיין פּראָטעסט קעגן דאָס עמי־הארצות. דאָס איז געווען זיין שימפוואָרט — גרוביאַנעס! . . . די שנאה פון אַ געלערנטן מענטשן צו עמי־הארצות ווערט אָפּטמאָל שלעכט פאַרשטאַנען. די פיינטשאַפט צו עמי־הארצות מיינט ניט פיינט האָבן דעם פּראָסטן עולם, פאַרקערט צו די מענטשן באַציט זיך דער אמתער געלערנטער שטענדיק מיט ברידערלעכקייט, שטרעבט אים צו לערנען און דערציען און באַרייכערן זיין וויסן; און קריגט פיינט דעם ווידערשפּעניקן דעם איגנאָראַנט און הדיוט קופץ לראש. ז. האָט ליידער באַגעגנט אויף זיין וועג פיל מניעות און שטערונגען אַלס רעזולטאַט פון דער גרויסער עמי־הארצות אין אונזערע רייען. זיין וועג איז אפשר ניט שטענדיק געווען דער אויסגעהאַלטענער — אָבער שטענדיק דער וועג פון אמת, פון אידעאַליזם; אָן פניות און חניפות. ער האָט ניט געקאָנט פאַראייניקן וויסנשאַפט מיט סחורה, כבוד מיט חניפה. און ער האָט געבראַכט אַ סך קרבנות אויף דעם מזבח זיינעם.

ער איז געווען ראוי צו זיין אַ מרא דאתרא בק״ק ווילנע־ירושלים, אָבער ער איז געווען אַ שונא את הרבנות — ער האָט פיינט געהאַט דעם קלעריקאַליזם, וועלכער האָט פערשריבן אַ שוואַרץ בלעטל געשיכטע אין מענטשליכן פּראָגרעס און אין דעם גליק פון דער מענטשהייט. פיינט געהאַט דעם יידישן קלעריקאַליזם ווי דעם ניט יידישן.—יעדע אינקוויזיציע יידישע אָדער קאַטוילישע. ער האָט זיי ניט געשאָנעוועט מיט זיין פען און אין זיינע וויסנשאַפט־

לעכע אַרבעטן, אפילו ווען דאָס איז געווען קעגן זיינע פּערזענלעכע אינטע־רעסן.

„קלעריקאַליזם און פינסטערניש זיינען איין און די זעלבע ערשיינונג. עס איז געווען נאָר אַדורכלעבן די געשיכטע, ביי אונז אַזוי גוט ווי ביי די אומות העולם, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז אומעטום און אין אַלע צייטן איז דער קלעריקאַליזם געווען דאָס בעסטע מיטל צו פאַרטומלען די מוחות, צו פאַרבלענדן די אויגן". צו דאָס איז געקליידט אין אַן אַלטן שטריימעל, צו אין אַ מאָדערנעם צילינדער. „ס'פּלאַטערט דער שוואַרצער שטאַנדאַרט איבער דעם פאַרגליווערטן ים פון אָפּגעשטאַנענקייט, טעמפּקייט און פינסטערניש, אַ סיגנאַל צו באַקעמפן, מיט די געמיינסטע מיטלען נאַטירלעך, אַלץ וואָס ציט צו ליכט און שיין . . ." אַזוי האָט געשריבן און גערענקט דער יידישער דאָקטאָר.

אַ מפונק איז געווען ז. שטיל און עניוותדיק איז אויך געווען דער גברא רבא, דער גרויסער בעל גוף, דער ספינקס, מיט גרויסן קאָפּ, גאוניש מוח, מיט זיין מאַסיוון בויך און נאָך גרעסערן באַהעמישן קאָפּעלוש. שטייף און באַוועגלעך, און ריטערלעך ווי אַ שר של חכמים און ס'דאַרף אויף אים געזאָגט ווערן אויך דער פרק אבות: „ולא מצאתיו לגוף טוב משתיקה; ולא המדרש עיקר אלא המעשה". (המשך אין צוקונפטיקן העפטל).

וואנדא וואשילעווסקא

## אין דער כאַטע

(המשך פון העפטל נומ. 61)

ביים טיש, אין סאַמע צענטער, איז געזעסן דער קאָלאָנעל. ער האָט זיך געשאָקלט אויף דער שטול, געוויגט אויף דער שטול, און אַ געוואַלטיק גרוי־סער שאָטן האָט זיך געוויגט אויף דער וואַנט צום טאַקט מיט זיינע באַוועגונגען. פון אונטן האָט געלויכטן אַ נאַפט־לעמפל, און דעם קאָלאָנעלס אויגן האָבן זיך פאַרלוירן אין דעם שוואַרצן שאָטן פון די טיפע אויגנגריבלעך. דער אי־בערזעצער איז געשטאַנען פאַרן טיש, האַרט ביי די פאַרוואונדעטע. דער קאָלאָ־נעל האָט געוואָרפן פראַגן, און דער איבערזעצער האָט זיי גיך איבערגעחזרט מיט אַ האַרט, הייזעריק קול.

— פון וועלכער אָפּטיילונג?

אַניסיא האָט קלאָר געהערט. דער נעפל, וואָס האָט במשך פון אַ סך יאָרן פאַרלייגט די אויערן, איז ווי צעריסן געוואָרן, און די ווערטער זיינען דערגאַנגען אַזוי דייטלעך, ווי יאָרנלאַנג שוין נישט. דער איבערזעצער האָט געפרעגט — געציילט די ווערטער, אַרויסגערעדט אַזוי פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט מורא גע־האָט, אַז זיי פאַרשטייען נישט.

פון וועלכער אָפּטיילונג?

אַזש דאָ אויפן אויוון האָט אַניסיא געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון די פאַרוואונדעטע. זיי האָבן געשלונגען לופט מיט פאַרטרוקנטע ליפּן, שווער



האָט די ברוסט געדישעט, האָבן זיך געוויגט אויף די פיס,—אָן רחמנות, פעסט האָבן דייטשע זעלנערישע הענט זיי אונטערגעהאַלטן.

— פון וועלכער אָפּטיילונג?

זיי האָבן נישט געענטפערט. דער קאָלאָנעל האָט פון כעס אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש.

— זאָגט זיי, אַז איך וועל זיך מיט זיי נישט שפּילן, איר'ט פאַרשטאַנען? זאָגט זיי, אַז איך ראַט, זיי זאָלן רעדן, איך ראַט גוט! זאָגט זיי, אַז איך האָב מיטלען קעגן אַזעלכע, ווי זיי! פרעגט זיי! פון וועלכער אָפּטיילונג, ווען זיי־נען זיי דאָ געשטאַנען, וואוהין געגאַנגען, פונוואַנען געקומען, וואו איז דאָס מיליטער, וואו איז די באַפעלקערונג פון דאָרף, אין וועלכע שלאַכטן האָבן זיי זיך באַטייליקט, אַלץ! פרעגט, ביטע!

אַניסיא האָט געפילט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט איר. ס'האָט געקלאַפּט, גע־קלאַפּט, ווי יאָרנלאַנג שוין נישט, און עס האָט זיך דער זקנה אויסגעדאַכט, אַז אפשר הערט מען דאָרטן ביים טיש דאָס זעצן, וואָס רייסט אויף איר ברוסט, קיינער אָבער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפן אויוון. אַלע אויגן זענען גע־ווען געווענדט אויף די צוויי, וועלכע האָבן כמעט נישט געקענט שטיין אויף די פיס פאַרן טיש, און האַרטע, זעלנערישע הענט האָבן זיי געהאַלטן פעסט.

— פון וועלכער אָפּטיילונג?

דער פאַרוואונדעטער אין קאָפּ האָט מיטן מויל געשלונגען לופט. אַניסיא האָט געוואַרט מיט ציטערן.

— כ'וועל נישט אויסזאָגן.

— האַנס, העלף אים צו. עס גייט אים נישט דורך די ציין, העלף אים!

דער זעלנער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג און אים אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין פנים אַריין. דער קאָפּ אין שמוציקע אַדורכגעזאָפּטע באַנדאַזשן איז אָן כוח געפאַלן צוריק. נאָר דער פאַרוואונדעטער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון זיין ווילן.

— כ'וועל נישט אויסזאָגן.

— וואו איז ס'מיליטער? !

— כ'ווייס נישט.

— האַנס, דו דערמאָן אים, דאָס נעבעכל האָט זעט אויס פאַרגעסן . . . נאָר מיר וועלן אים דערמאָנען, אך, ווי מיר וועלן אים דערמאָנען . . .

אַ זעץ אין באַק. אַ צווייטער, אַ דריטער. בלוט־פלעקן זיינען אַרויסגע־טרעטן אויפן באַנדאַזש. אַניסיא האָט דערשטיקט אין האַלז אַ געשריי.

— וואו זיינען די מענטשן פון דאָרף?

כ'ווייס נישט . . . קיינעם נישט געזען — האָט דער פאַרוואונדעטער אויסגעכאָרכלט.

דער קאָלאָנעל האָט בייז געקנייטשט די פּאָר אים ליגנדיקע פּאַפּירן.

— האַנס, ער האָט נישט געזען . . . פאַרשטייסט, ער האָט נישט געזען...

נו, העלף אים, אַז ער זאָל זעען . . . פאַרשטייסט? העלף אים אַזוי, אַז ער זאָל זעען . . .

דער פאַרוואונדעטער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. אַניסיאַן האָט עס געהויבן אויפן אויוון. ניין, ס'איז נישט געווען אַזוי, דאָס האָבן אירע אַלטע אויגן שלעכט געזעען. אַ זעלנער האָט אַרויסגעצויגן אַ באַיאָנעט. זאַלבעצווייט זיינען זיי געזעסן אויפן ליגנדיקן. פאַרזיכטיק, מיט כמעט אַ צערטלעכער באַוועגונג האָט דער זעלנער אַריינגעהאַקט דעם באַיאָנעט אים אין רעכטן אויג. אַ ווילד, דערשטיקט, אוממענטשלעך געשריי האָט צעריסן די לופט און תיכף אַנטשוויגן געוואָרן. אַניסיאַ איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל.

— וואו איז ס'מיליטער?

— כ'ווייס נישט . . . כ'וועל נישט זאָגן . . . גאָרנישט אויסזאָגן . . . — האָט דער פאַרוואונדעטער אויסגעכאָרכלט מיט מי, בלוט האָט אים געשטראָמט פון אויגנגריבל, בלוט פון מויל. דער קאָלאָנעל האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז צוגעגאַנגען. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום שטאַרבנדיקן. עפּעס אַ נייגיריקייט האָט זיך געמערקט אויף זיין פּנים. צום סוף האָט ער אַ שטאַרק געטון דעם הילפלאָזן קערפּער.

— פרעגט אים נאָכאַמאָל — ר'וועט רעדן, צי נישט?

דער איבערזעצער האָט זיך טיף אַראָפּגעבויגן צום ליגנדיקן. אפילו אַניסיאַ האָט דערהערט דאָס בלוט־געריש אינעם פאַרוואונדעטנס האַלז, און דורך דעם געריש מיט קרעכץ, מיט מי האָבן זיך אַדורכגעריסן די ווערטער.

— טשויעש, שורמי זאַהראַלי . . . *

— וואָס, וואָס? — האָט דער קאָלאָנעל זיך אינטערעסירט. — וואָס זאָגט ער?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט, ער האָט דאָך עפּעס געזאָגט . . .

— אַן צוזאַמענהאַנג . . .

— פאַרענדיקן — האָט דער קאָלאָנעל באַפוילן. דער זעלנער האָט פונדערהייך אַ מאַך געטון מיטן באַיאָנעט.

— נישט דאָ — האָט דער קאָלאָנעל געשריגן. — אַוועקנעמען פונדאַנען!

דער זעלנער האָט גענומען דעם הילפלאָזן קערפּער אונטערן אָרעם און אים געשלעפּט צו דער טיר. אַניסיאַ האָט געזעען ווי די הילפלאָזע פיס האָבן זיך געשלעפּט איבערן דיל, ווי אַ שמאָלע פּאַסמע בלוט צייכנט אַ שליאַד איבער דער גאַנצער שטוב. זי איז געזעסן, דריקנדיק דאָס האַרץ מיט די הענט. אויף די ווענט האָבן געטאַנצט שוואַרצע שאָטנס, אונטערגעקאָוועטע שטיוול האָבן געקלאַפּט, פאַרן טיש איז געשטאַנען דער צווייטער, טרייסלענדיק זיך אין די הענט פון די זעלנער וואָס האָבן אים געהאַלטן. דער קאָלאָנעל האָט זיך ווידער געזעצט צום טיש.

— אוקראַיניש: דו הערסט, די שעלמעס האָבן פאַרשפּילט.



— דעם אַנדערן! פרעגט אים!

אַניסיאַ האָט גיך באַהאַלטן דעם קאָפּ אונטער דער דעק. מיט די פינגער פאַרשטאָפּט די אויערן, כדי נישט צו הערן. מיט די הענט האָט זי צוגעהאַלטן די אויגן, כדי נישט צו זעען. געפלוכט מיט קרעכץ איר לעבן, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט ענדיקן. וויפיל שוין? ניינציק צי איין און ניינציק יאָר — ווי דערלעבט מען שוין די נאַכט, די נאַכט. זי האָט געפלוכט אירע אויגן, וואָס זיינען נישט בלינד געוואָרן אין צייט, וואָס זיינען נישט אינגאַנצן באַוואַקסן געוואָרן מיט בלאָנעס, וואָס האָבן געזעען. זי האָט געפלוכט אירע אויערן, ווייל זיי זיינען נישט טויב געוואָרן אין צייט, — ווייל זיי האָבן געקענט הערן. דורך דער דעק, דורך אַלעם זיינען דערגאַנגען צו איר קרעכצן, און אַ פאַרצווייפלט, מאָנאָטאָן, אומפאַרענדערט געשריי:

— כ'ווייס נישט! כ'וועל נישט זאָגן!

צום סוף איז געוואָרן שטיל. נאָר לאַנג נאָך האָט זי נישט געוואָגט אָפּערצוקוקן פון אונטער דער דעק. ענדלעך האָט זי אָפּגערוקט דעם קאָפּ. יענע האָבן זיך וואַרשיינלעך גענומען לייגן שלאָפן. האָבן אויפגעשפּיליעט די פּאָסקעס, אַראָפּגעצויגן די שיך. פאַרמאַכט דאָס פענסטער מיט די הילצערנע לאָדנס. פאַרריגלט די טיר. דאָרטן, פאַרן הויז האָבן געלאַגערט זעלנער, פאַרן פעדערהייזל איז געשטאַנען אַ וואַך. נאָר זיי האָבן וואַרשיינלעך קיינעם נישט געטרויט, האָבן מורא געהאַט. דער קאָלאָנעל אַליין האָט באַטראַכט דעם ריגל ביי דער טיר און אויסגעפּרובירט. אַליין אויסגעפּרובירט די לאָדנס. און אַליין צוגעגאַנגען צום אויוון, כדי אויסצוגעפינען, צי די אַלטע שלאָפט אויף איר אָרט. אַניסיאַ האָט גיך צוגעמאַכט די אויגן און זיך באַמיט צו אָטעמען רעגולער, רואיק.

די לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען. אַניסיאַ האָט דערפילט ווי הענט און פיס ווערן איר שטייף, ווערן שווערער ווי בליי. און ס'האָט געמוזט, געמוזט, געמוזט געשעען.

זי האָט געוואַרט. די צייט איז געשוואומען פּאַמעלעך, אוממעגלעך פּאַמעלעך. אינעם שוואַרצן חושך פון דער שטוב האָבן די רגעס זיך געשלעפּט אומענדלעך לאַנג, געקראָכן, געשוואומען, נישט געוואָלט פאַרבייגיין. די צייט איז געשטאַנען אויף איין אָרט, נישט גערירט זיך פאָרויס. הענט און פיס זיינען געוואָרן שטייף, דער שווייס פון פאַרצווייפלונג האָט מיט אייז־קאַלטע טראָפּנס באַדעקט דעם שטערן און די פּלייצעס — אָבער ס'האָט דאָך געמוזט געשעען.

עמעצער האָט שוין געכראָפּעט. איינער און אַ צווייטער. אַניסיאַ האָט אַן צו מאַכן אַ גערויש זיך אויפגעהויבן אויפן אויוון. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז מען זעט זי אין דער פינסטערניש, אַז מען הערט יעדע באַוועגונג אירע. נאָר יענע זיינען געשלאָפן. פון אַלע זייטן איז געגאַנגען אַ כראָפּן, אַ שווער אָטעמען. זיי האָבן זיך צעלייגט אויף שטרוי, לענג אויס דעם דיל, דער קאָלאָנעל אויפן בעט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט איין פוס פון אויוון—און געוואַרט.

קיינער האָט זיך נישט גערירט. דעם צווייטן פוס — גאָרנישט. פּאָרזיכטיק, פּאַמעלעך איז זי אַראָפּ פון אויוון. דאָס האַרץ, וואָס קלאַפּט ווי אַן אַלאַרם, זאָל נאָר נישט אויפוועקן די שלאָפנדיקע. אָבער ניין, זיי זיינען געשלאָפן. מיט אַ טיפן, האַרטן, שווערן שלאָף פון אָנגעהאָרעוועטע מענטשן. אַניסיא טאָפּנדיק מיט די הענט אין דער פינסטער — זי האָט געהאַט די שטוב גוט אין זכרון, נישט געדאַרפט די אויגן — איז דערגאַנגען צו דער טיר. איינהאַלטנדיק דעם אָטעם אין דער ברוסט, האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעדרייט דעם שליסל אין שלאָס און אַרויסגענומען. בעסער באַוואָרנט די לאָדנס. זי האָט אַליין נישט געוואוסט פונוואַנען עס נעמט זיך אַזויפיל כוח אין די ציטערנדיקע, געשוואָלענע הענט. פעסט, פעסט איז געווען פאַרמאַכט די טיר. פעסט, איז געווען פאַרמאַכט דאָס פענסטער. קיינער וועט נישט שטערן אין שלאָף, קיינער וועט זיך נישט אַריינקריגן אין דער כאַטע, קיינער וועט נישט שטערן די הערן אָפיצירן אין זייער אָפּרו.

זי האָט איבערגעוואַרט. קיינער האָט זיך נישט גערירט. זיי זיינען געשלאָפן האַרט, מיט דעם שווערן שלאָף פון מידע מענטשן. אונטער דער באַנק. זי האָט אָנגערירט. יאָ, די פלאַש איז געשטאַנען אויפן אָרט, ווי דען? אַ פולע פלאַש. נאַטאַשאַ האָט זי ערשט נישט לאַנג געברענגט פון געוועלב, און אַוועקגעשטעלט אונטער דער באַנק. אַ פולע פלאַש. זי האָט פאָרזיכטיק אַרויסגעצויגן דעם קאָרק. שטיל האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן איבערן בעט. פּאַמעלעך, פאָרזיכטיק האָט זי געגאָסן דעם נאַפט, דאָרט, וואו די אָפיצירן האָבן זיך צעלייגט אויפן דיל. און ביי דער טיר אויך, אומעטום. טרוקן איז געווען דאָס האָלץ, טרוקן זיינען געווען די ברעטער, וויפיל יאָר איז שוין די כאַטע געשטאַנען? דאָס האָלץ איז געווען טרוקן ווי שטרוי, דאָס שטרוי פייכט פון נאַפט. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט זי פאָרזיכטיק געזוכט די שוועבעלעך אויפן אויוון. געווען, ווי דען, אוודאי געווען . . .

צודעקנדיק זיך דעם קאָפּ מיט דער דעק, האָט זי אַ רייב געטון אַ שוועבעלע. ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דער קלאַנג איז העכער ווי אַ שאָס— און זי איז פאַרגליווערט געוואָרן איז באַוועגלאָזיקייט. אָבער אין שטוב איז ווייטער געווען רואיק, די מענטשן האָבן מעסיק געכראָפּעט, אַ שווערער שלאָף האָט זיי באַהערשט. זי האָט צוגעלייגט דאָס שוועבעלע, און מער זיך נישט געקענט אויפהייבן. אַ גיך, העל פלעמל האָט זיך אַ יאָג געטון, געוויקלט איבערן שטרוי, געקראָכן איבער יעדער איינער שטרוי ווי אַ שלאַנג, צעגאָסן זיך ווי וואַסער, געשפּריצט אינדערהייך. אַניסיא איז געזעסן ווי היפּנאָטיזירט, נישט קענענדיק אָפּרייסן די אויגן פונם גאָלד וואָס האָט זיך צעגאָסן איבערן שטרוי. נישט געפילט ווי איר קלייד, וואָס איז געווען נאַס פון נאַפט, האָט זיך אָנגעצונדן, נישט אָפּגעריסן איר בליק פון די וואַקסנדיקע פלאַמען, וואָס האָבן פריילעך געטאַנצט און געלאָפן פאָרויס.

ווען דער ערשטער פון די שלאָפנדיקע האָט זיך אַ ריס געטון מיט אַ געשריי, האָט די שטוב שוין געברענט מיט אַ פאַרצערנדיק פייער, וואָס איז



גיך געלאָפן אינדערהייך. שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך צעטאַנצט אויף די ווענט. געשרייען זיינען געפאַלן. פונדרויסן האָט עמעצער האַסטיק געקלאַפּט אין דער טיר. אַניסיא האָט זיך אויפגעהויבן, נאָר די פיס האָבן זי נישט געוואָלט פאָלגן. זי איז אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אין פייער אַריין, און דאָס רעשטל באַוואוסטזיין האָט צו איר געשעפּטשעט, אַז טיר און פענסטער זיינען פעסט, פעסט פאַרמאַכט. זי האָט נישט געפילט קיין ווייטאָג. האָט געשמייכלט ביים געדאַנק — אַז קיינער וועט נישט קענען אויפמאַכן דאָס פענסטער נישט די טיר.

פון פוילישן אָריגינאַל—א.א.

אהרן ר. ראלין

## סער וויליאם ראטענשטיין און די בראדפארדער דייטש-יידישע געמיינדע

דעם 14־טן פעברואַר איז געשטאָרבן דער באַרימטער ענגליש־יידישער קינסטלער סער וויליאַם ראָטענשטיין אין עלטער פון 73 יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער ענגלישער טעקסטיל שטאָט בראַדפאָרד אין יאָר 1872, אין זעלבן יאָר ווען ס'איז אויך געבוירן געוואָרן זיין חבר און פריינט דער גרויסער קאַריקאַטוריסט און וואָרט־קינסטלער מאַקס בירבאָם, אויך פון יידישע אָפּשטאַמונג.

דער פערשטאָרבענער סער וויליאַם ראָטענשטיין האָט זער פיל בייגעטראָגן צו דער פאַרשפּרייטונג פון מאָלעריי און קונסט אין ענגלאַנד דורך זיין אייגענע אַרבעט אויף דעם געביט, דורך זיינע שריפטן און ספּעציעל אַלס לערער. צוערשט אַלס פּראָפעסאָר פון קונסט אין אוניווערזיטעט פון שעפילד און דאַן אַלס דירעקטאָר פון דער קעניגליכער הויך־שולע פאַר קונסט אין סאוטה קענזינגטאָן, לאָנדאָן.. ער איז געווען איינער פון די באַגאַבטע קינסטלער וועמענס פאַרדינסטן פאַרן לאַנד זיינען אָנערקענט געוואָרן ביי זיין לעבן אין פאַרשידענע ערן־טיטולן פון קעניג, פון אָקספאָרדר אוניווערזיטעט און פון אַנדערע אַקאַדעמישע און קינסטלערישע אינסטיטוציעס זיינען אים געגעבן געוואָרן.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע אין דעם אַרטיקל צו געבן אַ גענויע אָפּשאַצונג אָדער ביאָגראַפישע באַשרייבונג פונם פאַרשטאָרבענעם. איך וויל נאָר באַנוצן די שמערצליכע געלעגענהייט צו באַקאָנען די לייענער מיט אַן אינטערעסאַנטן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישע איינוואַנדערונג אין ענגלאַנד, וואָס איז ביז יעצט, ווי מיר איז באַקאַנט, נאָך ניט באַאַרבעט געוואָרן פון ענגליש־יידישע געשיכטע שרייבער.

מאָריטץ ראָטענשטיין, דער פאָטער פון סער וויליאַם, איז געווען איינער

פון אייניקע הונדערטע דייטשע און צענטראַל אייראָפּעאישע יידן וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין בראַדפאַרד אין דער צווייטער העלפט פון לעצטן יאָרהונדערט. זיי האָבן מיט זייער געשעפטס־פעאיקייט, ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט אין אַ זער גרויסער מאָס בייגעטראָגן צו דער ענטוויקלונג פון אַ קליינער פאַבריק־שטאָט אין אַ גרויסן פּראָגרעסיוון וואָל און צווערן טעקסטיל מאַנופעקטור־צענטער, וואָס איז באַקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט פונקט ווי מאַנטשעסטער איז באַקאַנט אַלס אַ באַוועל טעקסטיל מאַנופעקטור צענטער (אויך אין מאַנטשעסטער האָבן די איינגעוואַנדערטע יידן בייגעטראָגן צו איר ענטוויקלונג). די מערסטע פון יענע יידן זיינען געווען עקספּאָרט־סוחרים און מאַנופעקטור הענדלער ביי זיך אין לאַנד און האָבן געזען אַ גרויסע צוקונפט פאַר די בראַדפאַרדער סחורה, אויב זיי זאָלן זיין אויפן פּלאַץ. און ווירקלעך אין אייניקע צענדליק יאָרן איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער געגענד אין בראַדפאַרד מיט גרויסע פּילשטאָקיגע געביידעס פאַר ווערהייזער אויפצונעמען די לאָקאַלע סחורות, וואו עס פלעגט ווערן עקזאַמענירט, געמאָסטן, געפּאַקט און דאַן עקספּאָרטירט אין אַלע טיילן פון דער וועלט. יענעם געגענד האָבן די בראַדפאַרדער איינוואוינער גערופן „קליין דייטשלאַנד“, ווייל די נעמען אויף די גרויסע שילדן פון די ווערהייזער זיינען געווען דייטשע (אָדער דייטש־יידישע) ווי בעהרענס, הירש, עדעלשטיין, מאָזער, פאַלקענסטיין, ראָטענשטיין, שטיינטאַל א.ד.ג. עס איז זאָגאָר געווען פון אָנפאַנג אַ מילדע פאָרמע פון אַנטיסעמיטישער ברומעריי מצד די הונדערטע קליינע פאַבריקאַנטן, וואָס פלעגן אַריינשיקן זייער גאַנצע פּראָדוקציע צו די יידישע עקספּאָרטערס און אום צו קענען באַצאָלן די שכירות צו זייערע אַרבעטער פלעגן זיי וואַרטן יעדן פרייטאָק פרי ביז עס פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אין זייערע קאַרעטן די רייכע סוחרים און געבן די וואַרטנדע די נויטיקע געלט. אָבער מיט דער צייט האָט זיך דאָס אַלעס געענדערט. פילע פון די קליינע פאַבריקאַנטן זיינען געוואַקסן און געוואָרן גאַנץ אומאָפּהענגיק און שפּעטער צו ענטוויקלט אייגענע עקספּאָרט אָפּטיילונגען אויף זייערע פאַבריקן.

די גרויסע ענטוויקלונג פון בראַדפאָרט צו יענער צייט און דעם בייטראַג פון די דייטש־יידישע איינוואַנדערער ווערט פאָלשטענדיק אָפּגעשאַצט פון ענגלישע אויטאָריטעטן. מאַרגאַרעט לאָו שרייבט אין איר בוך „די געשיכטע פון בראַדפאַרד“ (ז. 243) פאָלגענדעס: „אין די יאָרן פון 1810 ביז 1872 האָט זיך דער עקספּאָרט פון בראַדפאַרדער סחורה פאַרצווייפאַכט און דערגרייכט אין לעצטן יאָר די קאָלאָסאַלע סומע פון 40 מיליאָן פונט. דאָס איז די פּעריאָדע ווען גרויסע פערמעגענס זיינען געמאַכט געוואָרן ביי די בראַדפאַרדער סוחרים און דער גוטער צושטאַנד האָט זיך פאַרשפּרייט און געשאַפן גרעסערע שכירות פאַר די אַרבעטער און מער רעגולערע אַרבעט. אַ דאָקטער רעדט וועגן דעם בעסערן געזונדצושטאַנד פון די קינדער ווען די עלטערן שיקן יעצט אין שולע אַנשטאָט אין דער פאַבריק, ווייל זיי נייטיקן זיך ניט אין די שכירות פון די יינגע קינדער“.



איינער פון די הויפּט־פיגורן וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גוטן צושטאַנד איז לויט דער זעלבער שרייבערין געווען סער דזשייקאָב בעהרענס. ער איז געווען אַ פּיאָנער אין דער היגזיכט, קומענדיק אין בראַדפאַרד אין 1834 פון האַמבורג, וואו ער האָט שוין געהאַנדלט מיט בראַדפאַרדער וואָלענער סחורה און דורך זיין גרויסן פלייס און געשעפטס פעאיקייט האָט ער אויפגעבויט אַ גרויסן רייכן פיל פאַרצווייגטן האַנדעלס־הויז מיט דעם הויפּטקאַנטאָר אין בראַדפאַרד. ער איז באַערט געוואָרן מיט טיטולן און איז געוואָרן וויכטיק גענוג צו ווערן ראָטשילדס אַ מחותן. אגב איז ווערט צו דערמאָנען, אַז דער ערשטער ענגלישער ראָטשילד האָט די ערשטע אייניקע יאָר פאַרבראַכט אין מאַנטשעסטער אַלס סוחר און עקספּאָרטער פון באַוועל מאַנופעקטור און פון דעם געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן. נאָכדעם ערשט האָט ער זיך איינגעאָרדענט אַלס באַנקיר אין לאָנדאָן.

סער דזשייקאָב בעהרענס און נאָך אַ פּאָר יידיש־דייטשע פּיאָנערן — טשאַרלס סעמאָן און א. אונאַ — האָבן געהאָלפן שאַפן דעם בראַדפאַרדער האַנדעלסקאַמער (טשיימבער אָף קאָמערץ) אין 1851 און אין דער עקזעקוטיווע זיינען אויך שפּעטער צו געווען אייניקע דייטשע יידן. פון די מיטגלידערשאַפט אין די 60—70־יקער און 80־יקער יאָרן אין דעם האַנדעלסקאַמער אין בראַדפאַרד זיינען כמעט אַ דריטל געווען דייטשע יידן.. עס איז ניטאָ כמעט אַיין געביט אין בראַדפאַרדער געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן וואָס האָט זיך צו יענער שטאַרק אַנטוויקלט אויף וועלכן די דייטש־יידישע איינוואַנדערער זאָלן ניט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע. זיי האָבן געהאָלפן בויען די שפּיטאָלן, פאַרשידענע טעכנישע און העכערע שולן און צדקה־אַנשטאַלטן צו וועלכע זיי האָבן בייגעטראָגן גרויסע געלט סומען. באַזונדערס זיינען זיי געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פינאַנסירן די קאָנצערטן פון גרויסע אַרטיסטן און אַנטוויקלט בראַדפאַרד אַלס אַ קונסט־צענטער. נאָך היינט צוטאָג ווערן קאָנצערטן פאַר וועלט־באַרימטע קינסטלער איינגעאָרדענט אין בראַדפאַרד, וואָס האָט בלויז אַ פערטל מיליאָן איינוואוינער, בשעת אין לידז, צום ביישפּיל, מיט אַ האַלב מיליאָן מענטשן, קען זיך אַזאַ קאָנצערט ניט באַצאָלן. ווען איך האָב ניט לאַנג צוריק פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין בראַדפאַרד צוליב מיינע פאָרשונגען פון יענער פּעריאָדע, בין איך זער איבעראַשט געווען מיט די גרויסע אָנערקענונג פאַר דעם דייטש־יידישן בייטראַג צו דער ענטוויקלונג פון דער שטאָט, מצד די דירעקטאָרן און בעאַמטע פון די פאַרשידענע ביבליאָטעקן און האַנדעל און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין זייער גרייטקייט מיר צו העלפן אין דער אַרבעט.

שוין אין יאָר 1864 איז דער אויבנדערמאָנטער טשאַרלס סעמאָן ערוועלט געוואָרן אַלס מעיאָר פון בראַדפאַרד, און שפּעטער צו איז די שטאָט דורך איר ענטוויקלונג געוואָרן אַ סיטי. און אין 1910 איז ווידער אַ דייטש געבוירענער ייד—אַלדערמאַן יעקב מאָזער—געוויילט געוואָרן לאָרד מעיאָר.

וואָס איז געווען דער בייטראַג פון די אייניקע הונדערט איינפלוסרייכע

דייטשע יידן אין בראַדפאָרד פאַר יידישע קולטור און נאַציאָנאַל יידישן אויפבוי? אויף דער פראַגע מוז מען ליידער געבן אַן אַבסאָלוט נעגאַטיוון ענטפער. די איינגעוואַנדערטע זיינען אַרויסגעקומען פונם מיטלשטאַנד פון דייטשן יידנטום און זייערע עלטערן האָבן שוין דורכגעמאַכט די מענדעלסאָנישע רעפאָרם פעריאָדע און געוואָלט זיין פאָלשטענדיקע דייטשן פון מאָזאַישן גלויבן. זייערע קינדער וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ענגלאַנד האָבן געוואָלט ווערן פולשטענדיקע ענגלענדער פון מאָזאישן גלויבן. אָבער שוין די קינדער, און העכסטענס די אייניקלעך פון די איינגעוואַנדערטע זיינען טאַקע געוואָרן גאַנצע ענגלענדער אָן דעם מאָזאישן גלויבן, און מערסטנס אָפענע קריסטן.

אין 1873 האָבן די איינגעוואַנדערטע יידן אָפיציעל געגרינדעט די רעפאָרם געמיינדע (די ערשטע אין ענגלאַנד) און אַראָפּגעבראַכט פון דייטשלאַנד אַ ראַבינער יוסף סטראַוס, וואָס האָט פאַרנומען דעם פאָסטן פאַר 50 יאָר ביז זיין טויט אין 1922. אין 1880 איז אויפגעבויט געוואָרן אין דעם מאַנינגאַם געגנט פון בראַדפאָרד אַ שיינע רעפאָרם־שול (אָן אַ פרויען־גאַלערי) און די שול שטייט נאָך היינט צוטאָג. שוין פאַר די לעצטע 20 יאָר פון ראַביצער סטראַוס לעבן זיינען די באַזוכער אין שול געוואָרן אַלץ ווייניקער. נאָך זיין טויט איז איינגעשטעלט געוואָרן אַלס ראַבינער אַ מר. דזשייקאָבס פאַר אַ קורצע צייט און דאַן האָט די שול געפּוסטעוועט. מיט אַ 3 יאָר צוריק האָט דער זון פון ראַבינער סטראַוס (יעצט אַ פאַרמעגלעכער טעקסטיל פאַבריקאַנט אונטער אַן ענגלישן נאָמען) אַראָפּגעבראַכט אַלס ראַבינער אַ פליכטלינג, אַ גראַדואירטן פון בערלינער יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר—אַן ערנסטער יינגערמאַן, וואָס איז זער ענטוישט פון זיין געמיינדע און וועט זיכער ניט לאַנג זיין דאָרט, אויב ער איז שוין יעצט ניט אַוועק. איך האָב פאַרבראַכט מיט דעם יינגעמאַן ביי אים אין הויז און דאַן געגאַנגען מיט אים אין זיין שול, וואו ס'איז פראָמינענט אויף אַ קופערנע פלאַטע פאַרצייכנט אַז די סינאַגאָגע איז געעפנט געוואָרן פון געמיינדע פרעזידענט יעקב אַלבערט אונאַ דעם 6־טן אַפּריל, 1880. אָבער די קינדער און אייניקלעך פון יעקב אַלבערט אונאַ און פון זיינע קאָלעגן בעהרענס און סימאָן און אַנדערע גרינדער פון דער געמיינדע קומען ניט אין שול און האָבן איבערהויפּט ניט צוטון מיט יידישקייט. צו דער וועכנטלעכער „גאָטעסדינסט" פרייטאָג אָוונט קומען אין גאַנצן בערך 6־5 פערזאָן, איינגעשלאָסן די אַלמנה פון ראַבינער סטראַוס — אַ טייערע אַלטיטשקע פרוי וואָס האָט מיר דערציילט אינטערעסאַנטע פרטים פון אַלטן יידישן בראַדפאָרד. די רייך געוואָרנע איינגעוואַנדערטע יידן האָבן זיך דורכגעמישט מיט די העכערע ענגלישע געזעלשאַפט און זייערע קינדער האָבן חתונה געהאַט מייסטענס פאַר קריסטלעכע פרויען און מענער.

אַזוי איז געווען מיט סער וויליאַם ראָטענשטיין וועמענס זון דזשאָן ראָטענשטיין—אויך אַ באַקאַנטער קינסטלער, איז שוין אַן אויסגעשפּראָכענער קאַטאָליק. אַזוי איז מיט עדגאַר בעהרענס, וואָס פאַרנעמט זיין זיידענס פלאַץ אין דער עקזעקוטיוו פון בראַדפאָרדער האַנדעלסקאַמער. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט זיין פרוי—אַ שיינע, איידעלע ענגלישע דאַמע, וואָס איז זער שטאָלץ מיט איר מאַנס זיידען—סער דזשייקאָב בעהרענס—אָבער זייערע קינדער וועלן אויסוואַקסן גוטע קריסטן. איך דאַרף דאָ דערמאָנען איינאיינציקן אויסנאָם פון די בראַדפאָרדער דייטשע יידן, וואָס האָט עטוואָס בייגעטראָגן צום ציוניזם און יידישע צדקה. דאָס איז דער אויבנדערמאָנטער אַלדערמאַן יעקב מאָזער, וועלכער איז אויף דער עלטער ציוניסטיש באַאיינפלוסט געוואָרן פון מיין אַלטן פריינט דאָקטער אומאַנסקי ע"ה פון לידז (דער שווער פון סער לעאָן סיימאָן און ס. לאַנדמאַן). יעקב מאָזער האָט געגעבן אַ געוויסע סומע צו גרינדן אין לידז דעם ציוניסטישן הערצל־מאָזער אינסטיטוט און דעם הערצל־מאָזער יידישן האָספּיטאַל. זיין פרוי אָבער האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן מיט אַלגעמיינע ניט־יידישע צדקה אַנשטאַלטן צו וועלכע כמעט דער גאַנצער גרויסער פאַרמעגן פון די מאָזערס איז אַריבער נאָך זייער טויט, ווייל קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. אַזוי זיינען אינגאַנצן אַסימילירט געוואָרן די דייטש־יידישע איינגעוואַנדערטע אין בראַדפאָרד אין ווייניקער ווי 100 יאָר.

---

ו. ל. באַרנעט

## אַנטוישונג

(סקיצע)

צוגעשיקט פון אַ יונגען יידישן סאָלדאַט וועלכער דינט אין די ענגלישע אַרמיי.

נאַכט נאָך נאַכט, איידער איך ווער אַנטשלאָפן, באַשאַף איך מעשיות, וואונדערלעכע דערציילונגען פול מיט אַטמאָספערע, קאָליר און רייך אין פאַרבן. עס זיינען געשיכטעס מיט דראַמאַטישע קאָמפּליקאַציעס פול דינאַמישקייט און צום סוף קומט דער פלוצלינגדיקער אויפפלאַנטער און אַלץ ווערט פאַרענדיקט אַזוי קלאָר, אַזוי פאַרשטענדלעך . . .

נאָר אָפט האָב איך מיך באַמיט אויפצוכאַפּן אויפן פּאַפּיר אָט די אַלע וואונדערלעך שיינע מעשיות; אָבער מיין מי איז געווען אומזיסט! ווי נאָר איך האָב אָנגעצונדן אַ ליכט איז מיין אינספּיראַציע אַוועקגעפלויגן, און איך בין געבליבן מיט אַ פּוסטער פעדער און בלייך־בלאַס פּאַפּיר אין דער האַנט. אַפּנים אַז מיין אינספּיראַציע האָט פיינט די שיין פון לאָמפּ.

געווען איז עס אין אַ פינסטערער נאַכט פאַרגאַנגענע וואָך, ליגנדיק אַזוי אין בעט, האָב איך אויסגעחלומט אַ ווירקלעך גוט מעשהלע, וואָס איך האָב מיט געוואַלט פאַרשלאָסן אונטער מיינע צוגעמאַכטע אויגן און מיט אַלע כוחות עס געוואָלט אָפּראַטעווען און ברענגען צו מיין פאַרלעגער.

שטיל, ווי עס שאַרט זיך אַ קאַץ נאָך אַ מויז, האָב איך אויסגעשטרעקט די האַנט, אַזוי, אַז דאָס עלעקטרישע ליכט זאָל זיך, חלילה, נישט אָנכאַפּן, און דערפילט אונטער מיינע פינגער אַ פּען מיט פּאַפּיר.

זינט פֿאַראַיאָרן איז שטענדיק אָנגעגרייט שרייבגעציִיג, פּאַפּיר און אַ פּולפּעדער, אויף מיין נאַכט־טישל, פול מיט דערוואַרטונג, פול מיט האָפֿנונג, אפשר, טאָמער, וועט עס געשען . . . אָבער אומזיסט.

עפּעס אַנדערש הײַנט בײַנאַכט; דאָסמאָל, דאַכט זיך, איז עס נישט אומזיסט, אודאי נישט אומזיסט!

איך קאָן נישט זאָגן אויף זיכער, צי דאָס האָט די פֿינסטערניש מיר צוגעהאָלפֿן דאָסמאָל, אָדער איז עס געווען דאָס נישט בייטן מיין פּאָזיציע, וואָס האָט מיר צוגעהאָלפֿן.

אמת, עמיצער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ווען אַ מענטש וויל געדענקן זיין אויסגעחלומט מעשהלע, מוז ער בלייבן ליגן שטיל, גאָר שטיל, ווען ער כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף, ווייל דער לייכטסטער ריר, די לייכטסטע באַוועגונג, וואַשט אָפּ דעם שיינסטן טרוים, דאָס בעסטע מעשהלע פֿון זיין זכרון.

הכלל, איך האָב אין אַ נישט־געביטענער פּאָזיציע, שטילערהייט, געשריבן מיט מיין פּול־פּעדער זייטל נאָך זייטל געוואַלטיק גיך, ווי אונטער היפּנאָזע. איך דערמאָן זיך נאָר, אַז ווען כ׳האָב דערהערט דעם האָנס ערשט קרייען, איז מיין דערציילונג געווען פֿאַרענדיקט, און מיט אַ זיפֿץ פֿון גליקזעליקייט בין איך ווידער איינגעשלאָפֿן. אינעם דאָזיקן אינדערפֿרי האָב איך מיך אויפֿגעכאַפּט מידער ווי געווײנלעך, טאַקע צוליב דעם וואָס כ׳האָב די נאַכט געאַרבעט.

די פֿענסטער זיינען נאָך געווען פֿאַרהאָנגען מיטן „בלעק־אוט“ אָבער אַ זונענשטראַל האָט געפֿונען אַ שפּאַרע און זיך אַריינגעריסן צו מיר אין שלאָף־צימער אַריין, מיט האַלב־פֿאַרשלאָפֿענע אויגן האָב איך נאָכגעפֿאָלגט דעם זונענשטראַל, וועלכער האָט אויסגעזעען ווי אַ קליינער שיינוואַרפֿער און איז געפֿאַלן מיט אַ רונדיקער זילבער־טאַץ אויף מיין נאַכט־טישל.

פֿאַרגאַפֿט האָב איך אַריינגעקוקט אינעם דאָזיקן שיינוואַרפֿער, וואו טויזנטער זילבער־זאַמדעלעך האָבן זיך געמאַכט אַ „מיריאַדן־באַלעט“ אין דער זונס ליכט.

דאָס געררויש פֿון גאַס האָט מיך דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין העלער טאָג און מיך דערמאָנט אין מיין מעשהלע. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿון מיין געלעגער, גיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך מיין מאָרגן־ראָק און אַ האָפֿנונגספֿול שמייכל האָט באַגאָסן מיין פּנים.

איך האָב אָפּגעמאַכט מיי מיר איבערצולייענען, אויסצובעסערן און אפֿילו מיר צו שאַפֿן אַן אייגענע מיינונג וועגן מיין ערשטער אויפֿגעשריבענער וואונדער־דערציילונג, איידער איך נעם נאָך מיין מאַנוסקריפּט אין האַנט, דערפֿיל איך מיין האַרץ. עס קלאַפּט מיט אַ גאַנץ אַנדערן ריטם, וואָס קומט פֿאַר נאָר ביי אויסערגעוויינלעך פֿריילעכע דערשיינונגען. איך האָב מיר אַרויסגענומען אַ שמעקעדיקן ציגאַר פֿון מיין זילבערנער ציגאַרן־שאַכטל און אַזוי אַרום געוואָלט באַרואיקן מיין פֿאַר פֿרייד טאַנצנדיק האַרץ.

מיט ציטערניש האָט מיין האַנט געגריפֿן דעם מאַנוסקריפּט און איך האָב באַקומען אַ מוראדיקן שאָק. דאָס בלוט איז מיר אין פּנים געבליבן און מיין



האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע. אָבער וואו זאָל איך נעמען ווערטער און כוח צו באַשרייבן מיין ביטערע אַנטוישונג? אין האַנט האָב איך געהאַלטן אַן ערך דרייסיק בויגן פֿיין יאַפּאַניש־פּאַפּיר, פֿון וועלכע ניין און צוואַנציק זיינען נישט פֿאַרשריבן און אויף וועלכע עס איז געווען צו דערקענען דאָס סקריפּען פֿון אַ טרוקענער פּעדער.

וואו איז געווען מיין שכל? איך האָב דאָך געקענט שרייבן מיט אַ בליישטיפֿט, מיט אַ פֿאַסטעל אָדער אפֿילו מיט אַ פּענזל־בערשטעלע, ווי די כינעזער טון דאָס, מיט וואָס נישט איז, אַבי נישט מיט אַן אויסגעליידיקטער און טרוקענער פּול־פּעדער — — —.

ייִדיש: י. ח. קלינגער.

י. טיגער

## די אַנטדעקונג פֿון ווייטשעפּל

(וועגן א. מ. קייזערס בוך פֿון הומאָר: „ביי אונז אין ווייטשעפּל“)

איר וועט מסתמא זאָגן: קייזערס הומאָר קומט פֿון שלום־עליכמן. איז עס אודאי ניט קיין חסרון, חלילה, צו זיין זיינער אַ תּלמיד, אַן „אייניקל“ הייסט עס פֿון שלום־עליכמן. ער, דער אָקעאַן פֿון הומאָר, פֿאַר וועמען אַלע קוואַלן פֿון ייִדישן הומאָר זיינען נישט פֿאַרהוילן געווען, און צו וועמען עס האָבן זיך געצויגן אַלע צנורות און רינשטאָקלעך פֿון דער פֿאָלקס־פֿריילעכקייט. ליטעראַטור־פֿאָרשער זיינען געווען בעלנים צו באַווייזן, אַז שלום־עליכם גופא האָט פֿאַר זיך שוין געהאַט גרייטע עלעמענטן פֿון ייִדישן הומאָר און זיך מיט זיי באַנוצט. באַזונדערס — אַזוי באַהויפּטן די פֿאָרשער — איז ער געווען אַ קורא־ותיק פֿון ר׳ יעקיל לעזהרער, דעם מחבר פֿון „מעשה מג׳ אחים“, „ר׳ שמחה פּלאַכטע“ און אַנדערע פֿאָלקסטימלעכע דערציילונגען.

איז עס אָבער בכלל אַ מ ע ל ה צו ציִען די יניקה פֿון ראשונים, בפֿרט בנוגע הומאָר, דאָס זאַלץ פֿון יעדער ליטעראַטור, וואָס נישט עס האָט אַן אָנהויב און נישט עס גייט לאבוד. וואָרום נישט וועגן די איינצעלנע איינגרעדיענצן גייט עס,—נאָר ווי אַזוי זיי ווערן געמישט, ווי אַזוי די געריכטן ווערן צוגעגרייט; די צירופֿים און „השבעות“ פֿון די איינזאַמע עלעמענטן; דער ספּעציפֿישער פֿורעם זייערער, דער „גלגול“, אין וועלכן זיי אַנטפּלעקן זיך אויפֿדאָסניי, — דאָס אַליין באַצייכנט דעם ווערט פֿון אַ שאַפֿונג.

א. מ. קייזערס קינסטלערישע דערגרייכונג באַשטייט דערין, וואָס ער האָט מיט רעליפֿענע שטריכן „אָבגעפֿאָרטרעטלט“ (זיין טערמינוס) אַ נאָך „קאָכעדיקן“ ייִדישן ישוב, הגם שוין געפּאַקט און געמאָזלט האָט ער אָבער אַלץ נאָך נישט דערגרייכט אַ סטאַטישן (קייזער וואָלט, מסתמא, געזאָגט: אַ סטאַטעטשנע) פּונקט, ער האָט נישט דערגרייכט נאָך דעם מאָמענט פֿון קאָנסאָלידאַציע. עס איז אַן ענין פֿאַר זיך צו מאָלן אַן אַלטן איינגעפֿונדעוועטן ישוב מיט אַן אויסגעהאַלטענעם טראַדיציאָנעלן לעבענסשטייגער, מנהגים א.א.וו.,—גאַנץ אַנדערש

אָבער איז די אויפגאַבע ווען דער „קעסל״ בולבעט נאָך פון דער „גרינהאָרן״־פּעריאָד איז שוין פאַרביי, אָבער קיין תושב איז מען נאָך אַלץ נישט געוואָרן, ווען דער שיכטונגס־פּראָצעס איז נאָך נישט אָבגעשלאָסן, ווען ס׳איז נאָך אַלץ עליונים למטה ותחתונים למעלה, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, הייסט עס, ווען די פאַרשוינען און די סביבה זיינען נאָך מטושטש און וואַקעלדיק,— ווען אַלץ איז נאָך „פליסיג״; הגם ס׳איז נישט מער קיין כאַאָס—אָבער קיין ענדגילטיקע סטאַביליזאַציע איז עס אויך נישט!

דער מחבר האָט באַוויזן אַרויסצוברייינגען זיינע געשטאַלטן און זייער סביבה מיט אַ ספּעציפישן—ווייטשעפּלערישן—קאָלאָריט, מיט אייגענע דרכים און דבורים מיט אַן אייגענעם נוסח און אייגענעם סטיל. צי נעמט ער זיי אויפן צימבל די „העלדן״ זיינע? ער גלעט זיי פּאַטערלעך און דערנענטערט זיך צו זיי מיט לאַטשן אויף די פיס, כדי זיי חלילה, נישט צו דערשרעקן: „זאָל די וועלט אָנקוקן דאָס פּנים פון מיין ליבן און האַרציקן ווייטשעפּל״.

און ווען ער נעמט זיך יאָ „אַריינזאָגן״, איז זיין סאַטירע נישט גאַליק; אויך דאָס „אַריינפּיצקן״ איז פּאַטערלעך געלאָסן, נישט מיט קיין יאַמשאָווענעם שטעקעלע אָדער גאָר מיט אַ ראַפּניק,—נור מיט אַ „מקל נועם״, וואָס זיינע שמיץ זיינען קיין שמיץ נישט און עס טוט בכלל נישט וויי. און ווען זיינע פאַרשוינען צעיאַכמערן זיך פּאָרט און צעניסן זיך, הערט מען אים ווי שושקען אַ פּאַטערליכן אָסותאַ! צו זיין „ווייטשעפּל זאָל מאריך ימים זיין״.

„איך אַליין״ זאָגט דער מחבר, „בין.אַ ווייטשעפּלער פון קליינוויז אָן״ און דאָס ערקלערט זיין צוגאַנג און זיין שילדערונג פון דעם „צופּעליק״ אַנטשטאַנענעם ישוב. „. . . אייגענטליך האָבן זיי (די ייִדן) זיך גאָר נישט געקליבן קיין ווייטשעפּל. די בויד זייערע האָט זיך גאָר געשניטן קיין אַמעריקע — — — האָט אָבער געפּלאַצט אַ ראָד און מ׳איז געבליבן שטעקן אין לאָנדאָן. האָבן ייִדן, וואָס שטופּן זיך, כידוע, תמיד צום „מזרח״ זיך פאַרקליבן אין מ ז ר ח פון לאָנדאָן, אין ווייטשעפּל, אויסגעפּאַקט די פּעקלעך מיט די בעבעכעס און גענומען סטראָיען אַ נייעם לעבן — — — און ווייטשעפּל איז זיך צעוואַקסן, האָט אויסגעבויט שולן, בתי־מדרשים, תלמוד־תורה׳ס, ציטונגען, טעאַטערס און אַן אַ צאָל חברות, א י י ן ח ב ר ה א ו י ף ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר, מיט גבאות, מחלוקת און פּעטש כמו שנהוג, ווי ס׳פּירט זיך ביי ייִדן וואָס קומען פון די בעלעצערקאָווס.

„הומאָריסטיש־אָריגינעל איז די דעפיניציע פון ווייטשעפּל, ווי אויך דער גאַנצער ווייטשעפּלער „יחוס־בריף״: „אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן זיין וועלטל, האָט ער, קענטיג, אַ טייל ערטער באַשאַפן פאַרוויז, צו צוויי פון יעדן מין. אַזוי, למשל, האָט ער רוסלאַנד מזכה־געווען מיט אַ שטעטל ב ע ל אָ צ ע ר ק אָ ו ו, „ווייס־קלויסטער״, און ענגלאַנד מיט ו ו י י ט ש ע פּ ל, אויף ייִדיש: „ווייסער־קלויסטער״. קיין ווייסן קלויסטער וועט איר אין אונזער ווייטשעפּל נישט געפינען, דערפאַר טאַקע איז אַ סברא, אַז ייִדן אַליין האָבן יענעם שמח, וואָס ליגט אויסגעצויגן ביי דער טעמזע, אַ נאָמען געגעבן



ו ו י י ט ש ע פּ ל, נאָך זייער באַליבטן בעלעצערקאָוו, מחמת דער רוב ייִדן, וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט שטאַמט פון אַזעלכע בעלאָצערקאָווס אין דער אַלטער היים״.

א. מ. קייזערס „ביי אונז אין ווייטשעפּל״ איז אַ ר ע ה אַ ב י ל י ט אַ צ י ע, אַזוי צו זאָגן, פון דעם מזרח־ייִדישן ישוב דאָ, וועגן וועלכן עס זיינען אַרויסגעגאַנגען אומגעלומפּערט־טענדענציעזע קלאָגנען, וועגן וועלכן מען האָט גערעדט מיט בטול און געגן וועלכן מען איז אַזוי אָפט און גערנוויליק אַרויסגעטראָטן מיט פאַרשידענע טענות און אפילו מיט — קללות . . . אָט די אייביקע חסרונות־זוכער, די היימישע און צוגעקומענע, וועמען מען וואָלט מיט עקאָנאָמישע אָדער סטאַטיסטישע אַרגומענטן גאָר נישט געקאָנט באַווייזן,—זיי „דערלאַנגט״ עס קייזער זיין בוך פון הומאָר: כאַפּט, זייט מוחל, אַ קוק, אָט האָט איר פאַר זיך ק״ק ווייטשעפּל והגליל, נאָט זעט, הגם עס איז אַ שפּאָר ביסל „אַמאַלגאַמייטעד״ איז עס אָבער שוין פּאָרט אַ גאַנצקייט, אַ וואויל מדינה׳לע און אַ פריילעכס דערצו. מען קאָן דאָ גאַנץ פיין לעבן, און מען קאָן דאָ אויך ל אַ כ ן. קוקט אויף אַ וויל אַוועק פון דער טיפּאָגראַפישער איינטיילונג פון בוך. פּראַוווט איבערהיפּן די בעזונדערע „קעפּלעך״ פון די פאַרשידענע מעשהלעך, און איר וועט פאַר זיך האָבן כמעט איין אויסגעהאַלטענע טעמע, אַ קורצן ראָמאַן פון דעם לעבן פון מרס. ווייטשעפּל, צונויפגעשטעלט פון איינעם פון אירע בנים, אָנגעשריבן מיט באַציאונג און מיט ליבשאַפט. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַ בוך פון וואָרעם און דערפאַר ז ו י ב ע ר ן הומאָר, וואָס אפילו ביים „פּריטיקלע״ לייענער וועט עס דערוועקן אינטערעס צו לייענען און עס הערן פאַרלייענען.

---

אלעגאריער

## וועגן יצחק סאלאמאן

יצחק סאַלאָמאָן האָט געלעבט און געשאַפן אין לאָנדאָן שיינע דיכטונג ביז דעם אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע און ווי פילע אַנדערע וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דער 1905 עפּאָכע, איז ער אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד, פון וואַנען ער האָט זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט; עס האָט אים דער בירגער־קריג פון יענער צייט פון אונז אַוועקגענומען אויף שטענדיק . . .

כאָטש סאַלאָמאָן איז נאָך ניט געווען דער אַרויסגעבער פון אייגענע אינדיווידועלע אויסגאַבן אין בוך־פאָרעם, האָט ער דאָך אַן איבעריקן מאָל באַוויזן אַז עס איז ניט אַלע מאָל נויטיק צו האָבן אַ גאַנצן שראַנק מיט אייגען־געשריבענע ביכער און ביכלעך, כדי אויפריכטיק אָבגעשאַצט צו ווערן (אויב דאָס געשאַפענע האָט נאָר וועלכן עס איז ליטעראַרישע־קינסטלערישן ווערט).

איך האָב זיך מיטן דיכטער באַגעגנט אין 1916 אין אַ קרייז פון שרייבער און קינסטלער (די אַזוי־גערופענע „יונגע״ פון יענער צייט) וועלכע האָבן גע־

גרייט צום דרוק אַ זאַמלבוך פאַר ליטעראַטור און קונסט מיט דעם נאָמען „דאָס נייע לעבן“.

דער גאַסט יצחק סאָלאָמאָן איז איינגעלאַדן געוואָרן פאַרצולייענען עפּעס פון זיינע שאַפונגען, וועלכע ניט נאָר האָבן זיי סתם געמאַכט אַן איינדרוק מיט זייער אייגנאַרטיקייט, נאָר זיי האָבן בכלל איבעראַשט — יצחקס לידער זיינען געווען רייף ווי דער רייפער גאָלדענער קאָרן אויפן פעלד אין צייט פון שניט סיי אינם סטיל און סיי אין די מאָטיוון, וועלכע ער האָט באַהאַנדלט. איר האָט פאַר זיך געהאַט אַ מאָלער שטייענדיק ביי זיין „איזל“ מיט זיין „פּאַלעט“, וועלכער וואַרפט מיט די פּענזלען פאַרבן־שפּריצן מיט די זיכערקייט פון אַ מייסטער־האַנט, וועלכער ווייסט פאַראויס, אַז עפּעס וועט זיך פון די שפּריצן אויסוועבן . . .

עס פּרעכטיגט דער מערב אין פּורפּורנעם עפּיר,
אַהין לאָזט די זון זיך פון הימל אַוועק ;
אַן אַוונד געטריי ווי אַ זאָרגזאַמער פּאַטער,
מיט טרייהײט ציט נאָך איר פאַרגאַנגענעם וועג.

און ס'פליט אָן אַן ערנסט, פאַרשליסט די האָריזאָנטן,
פאַרשליסט אויך דעם פּרייליכן טאַראַראַם
און ס'שווייגט די נאַטור און באַטראַכט מיט ערשטוינען :
די זון וועלכע באָדט זיך אין פּורפּורנעם ים.

באַלד ווערט דער מערב פון אַוונד פאַרשלונגען,
דאָס שוויגן ווערט טיף אויף הימל און ערד ;
אַלץ שווייגט ווי אַמאָל אין דער צייט פון בראשית,
ווען שטיל האָט דאָס לעבן גאָט'ס ברכות געהערט...

יאָ, יצחק סאָלאָמאָן איז געווען דער דעקאָראַטיווער פּייסאַזשן־דיכטער פול מיט האַרמאָנישע אַקאָרדן און ניואַנסן צווישן וועלכע עס האָבן זיך געבילדעט געשטאַלטן מיט ריטמישע באַוועגונגען. די דיכטונג זיינע האָט שטענדיק געהאַט פאַרכשופטן רייץ, וועלכן מען געפינט אַמאָל אין נאַטורן פון וועלכע עס דערטראָגט זיך מיסטישע מעלאָדיען, געשפּילט און געזונגען מיט קוים־הערבאַרע אונטער־טענער, וועלכע פירן און פאַרפירן צו אומבאַשטימטע פאַרבנ־רייכע האָריזאָנטן.

אַזוי האָט געדיכטעט אַ שטיל־באַשיידענער דיכטער. זיינען אָבער זיינע אונצאָליקע סאָנעטן און נאַקטורן געבליבן צעזייט און צעשפּרייט ווי צעשאָטענע שיינע פּערל ניט קיין אויפגעצויגענע אויף אַ זיידענעם שניר, ווי זיי האָבן זיך פאַרדינט.



אָפּטמאָל פלעגן מיר אים באַגעגענען אַ פאַרחלומטן, אַ פאַרגאַנגענעם אין „שוואַנגערשאַפט“ מיט אַ נײַ ליד און אויפגעוואַכט האָט ער נאָר דאַן, ווען דאָס נייע „קינד“ זיינס האָט זיך אויסגעשיילט פון אונטער טויזנט בלויע טיולן ; דעמלט האָט ער געלאַדן קאָלעגן זיינע, אַז מען זאָל עס אים אויסהערן — מען האָט אויסגעהערט און געשוויגן, אָבער אין דעם שטילשווייגן האָט זיך אויס־געדריקט אַנערקענונג און דרך ארץ צו אַ דיכטער וואָס האָט געהייסן יצחק סאָלאָמאָן און וועלכער האָט געלעבט און געשאַפן אין לאָנדאָן שיינע דיכטונג.

י. ה. לעווי

## זיי געבענטשט דו מארשאל סטאלין !

קראָקע, וואַרשע, שוין געפאַלן
מער ניט אינעם דייטשס,
אַ, וואָס מער דו גיסט אים שמיץ
זיי געבענטשט דו מאַרשאַל סטאַלין !

פאַר דעם שענדן די נשמה
פון דיין לאַנד און פרייע זין, —
זאָל דאָס פייער פונם דין
נעמען האַרט ביי זיי נקמה.

ווי דעם חושך רייסט אַ פייער
אויף מיט פורפורדיקע שטראַלן,
רייסט דו אויס מיט בליץ און שטורעם —

לענדער, שטעט פון שונאס אָרעם,
זיי געבענטשט דו מאַרשאַל סטאַלין
מיט די שטאָלצע רויט־אַרמייער !

א. ראַף

# קאַרל מאַרקס

שוין 62 יאָר זייט דער גרעסטער געניע פון זיין עפּאָכע — קאַרל מאַרקס, איז אויף אייביק איינגעשלאָפן, זיצנדיק אויף זיין שטול אין זיין אַרבעטסצימער. די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטערשאַפט און די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט האָט טיף געטרויערט נאָכן פאַרלוסט פון איר גרעסטן דענקער און קעמפער. אַזוי ווי דאַרווין האָט ענטדעקט די געזעצן פון דער ענטוויקלונג פון דער אָרגאַנישער וועלט, האָט מאַרקס ענטדעקט די געזעצן פון דער ענטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע — היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אויסער דעם האָט מאַרקס ענטדעקט דעם ספּעציעלן געזעץ וועגן דער טרייב־קראַפט פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציאָנס־סיסטעם און דאָס אַנטשטייען פון דער מאָדערנער בורזשואַזער געזעלשאַפט — די טעאָריע איבער „ווערט און מערווערט“.

דער היסטאָריש־דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם און דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם האָט רעוואָלוציאָניזירט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע וויסנשאַפט געשאַפן ביז מאַרקסן, זיי אַרויסגעפירט פון בלאָנדזשנדיקן און ניט קלאָרן וועג אין וועלכן זיי האָבן זיך געפינען.

מאַרקסיזם איז געוואָרן די טעאָריע און פּראָגראַם פון דער אַרבעטערשאַפט אין אַלע ציווילזירטע לענדער; דער עמוד־האש וואָס באַלייכט דער אַרבעטערשאַפט דעם וועג צו זיין ענדגילטיק באַפרייאונג און דאָמיט אויך צו דער באַפרייאונג פון דער אַלגעמיינער מענטשהייט.

* *

קאַרל מאַרקס איז ניט געווען קיין פאַרשלאָסענער קאַבינעט געלערנטער: מאַרקס איז אין דער ערשטער רייע געווען אַ רעוואָלוציאָנער, אַן אַקטיווער קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס. מאַרקס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זוכן אַ קאַריערע אַלס בורזשואַזער געלערנטער. זעענדיק די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון דער דייטשער רעגירונג, האָט מאַרקס גלייך נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערזיטעט זיך געוואָרפן אין קאַמף געגן דער רעגירנדער פּרייסישער רעאַקציע. אָנהייבנדיק ווי אַ מיטאַרבעטער אין דער אָפּאָזיציאָנעלער רהיינישער צייטונג און מיטגליד פון דער גרופּע לינקע־העגליאַנער, האָט מאַרקס רעדאַגירט און מיטגעאַרבעט אין אַ רייע פּראָגרעסיווע צייטונגען און זשורנאַלן, רעדאַגירט בראָשורן און פּאַמפלעטן, געהאַלטן לעקציעס אין סטודענטישע און אַרבעטער קרייזן אין דייטשלאַנד, בעלגיען, פראַנקרייך און ענגלאַנד.

אין 1847 זיינען מאַרקס און ענגעלס צוגעשטאַנען צום אונלעגאַלן „קאָמוניסטישן פאַרבאַנד“, זיך אַקטיוו באַטייליקט אין צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר (פאָרגעקומען נאָוועמבער 1847 אין לאָנדאָן) און פאַרפאַסט דעם פּראָגראַם פון פאַרבאַנד, וועלכער איז ערשינען אין פעברואַר 1848 (מאַניפעסט



פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי). 1864 — דאָס ענטשטיין אין לאָנדאָן פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. מאַרק איז געווען די נשמה פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל; רעדאַקטער פון זיין פּראָגראַם, מאַניפעסטן און רעזאָלוציעס; — 1871 — פאַריזער קאָמונע. עס איז גענוג איבערצולייענען מאַרקס אַרבעט איבער דער פאַריזער קאָמונע (דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך 1871) כדי צו האָבן אַ פאַרשטעלונג איבער מאַרקס אַלזייטיקער קענטשאַפט און אַקטיווער פאַראינטערעסירונג מיט די געשעענישן אין פראַנקרייך. מאַרקס האָט אונערמידלעך געאַרבעט צו פאַראייניקן די אַרבעטערשאַפט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב; באַקעמפנדיק גלייכצייטיק אַלע טעאָריעס און סעקטעס, שעדלעכע פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג (באַקוניזם, לאַסאַליזם, ליבעראַלער טרייד־יוניזם א.ד.ג.). מאַרקס געבנדיק דער אַרבעטערשאַפט דעם באַוואוסטזיין וועגן זיין אייגענער קלאַסן לאַגע, זיינע נויטן און די באַדינגונגען פאַר זיין באַפרייאונג, האָט גלייכצייטיק אַקטיוו געקעמפט אין די ערשטע רייען, פאַר דער פאַרווירקליכונג פון די פּראָגרעסיווע אידייען.

* *

אַ אומברחמנותדיקן קאַמף האָט מאַרקס געפירט געגן די הערשנדע רעגירונגס־קרייזן אין דייטשלאַנד—די פּרייסישע יונקערס—די פאָטערס און זיידעס פון נאַצי־דייטשלאַנד, וועלכע מאַרקס האָט געהאַסט פון טיפן האַרצן. אין אַ רייע אַרבעטן: „פּוילן, פּרייסן און רוסלאַנד“; „פּערשידענע נאָטיצן“; „פּרייסישע קאַנאַליע“; און אַרטיקלען אין: דייטשער צייטונג אין בריסעל; נייע רהיינישע צייטונג; ניו־יאָרקער טריבונע א.א. האָבן מאַרקס און ענגעלס אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון די פּרייסישע יונקערס; געוויזן אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט דעם דייטשן אַבסאָלוטיזם, ברוטאַלן דעספּאָטיזם און זיין רעאַקציאָנערע ווירקונג אויף די דייטשע מאַסן.

מאַרקס און ענגעלס האָבן גערופן דאָס דייטשע פאָלק צום אויפשטאַנד; פאַראורטיילט די דייטשן פאַר זייער פּאַסיוויטעט און צוריקגעשטאַנענקייט אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער.

אין אַן אַרטיקל „דריי נייע קאָנסטיטוציעס“—נומ. 15 דייטשע צייטונג אין בריסעל פון 20.2.1848, שרייבן מאַרקס און ענגעלס: מען מוז די דייטשן צווינגען צו מאַכן אַ רעוואָלוציע און דאַן וועלן זיי ווירקלעך אויפשטיין, בכדי צו פאַרענדיקן מיט דעם שמוציקן מוטנעם אַפּיציעלן דייטשן סיסטעם און דורך אַ ראַדיקאַלער רעוואָלוציע צוריקגעבן דעם דייטשן פאָלק זיין ערע.

די אַלאירטע אַרמייען פאַרניכטענדיק נאַצי דייטשלאַנד, ראַטעווען די פרייהייט־ליבנדע פעלקער פון אונטערגאַנג און פירן אויס דעם וועלט־היסטאָרישן געריכטן אורטייל, אַרויסגעטראָגן פון מאַרקס און ענגעלס. איבער דער הונדערטיאָריקער פעסטונג פון דער וועלט־רעאַקציע — נאַצי־דייטשלאַנד.

* *

די רעגירונגען, דעספּאָטישע און פּסעוודאָ־רעפּובליקאַנישע; די פאַרקויפטע צו דער רעאַקציאָנערע געלערנטע און זשורנאַליסטן, האָבן אומאויפהערלעך

פאַרפאָלגט מאַרקסן און זיין פאַמיליע. מען האָט מאַרקסן ווי אַן אונגעוואונ־ טשענעם גאַסט געטריבן פון איין לאַנד אין דעם צווייטן. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט מאַרקס געלעבט ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט. הויפּטזעכ־ לעך אין ענגלאַנד, וואו ער איז אויך געשטאָרבן און באַגראָבן אינם פאַמיליען קבר אין היינגעט.

די מאַטעריעלע לאַגע און מאַרקס פאַמיליע איז שטענדיק געווען אַ שווערע. עס איז ניט קיין סוד, ווען ניט די פינאַנציעלע הילף פון זיין פריינט פריינט — זיין פרוי דושעני פאָן וועסטפאַלען, און ביז צום לעצטן אָטעם איבער־ געגעבענעם פריינט פון מאַרקסן און זיין פאַמיליע — זייער דינסט־מיידעל העלענאַ דעמוט, וואָלט מאַרקס ניט געווען אימשטאַנד ניט נאָר זיין מייסטער־ ווערק „קאַפּיטאַל“, נאָר וואָלט געווען פיל יאָרן פריער פאַרמישפּט אויף אַ יונגן טויט.

אויף אַ זעקסטל פון ערד־קוגל איז מאַרקסיזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווירקלעכקייט. מיליאָנען אַרבעטער און פאָלקסמאַסן, באַוואוסטזיניקע מאַרק־ סיסטן, קעמפן אין די פאָדערשטע רייען קעגן דעם גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט — נאַצי־דייטשלאַנד.

די גרעסטע גייסטן פון אונזער עפּאָכע, לענין און סטאַלין, האָבן זייער יניקה געשעפּט אין דער ערשטער רייע פון מאַרקסיזם. די היטלער באַנדיטן האָבן אַלץ געטאָן בכדי צו פאַרניכטן די קולטורעלע אוצרות געשאַפן אין בלוט און שווייס אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן. מיט אַ באַזונדערן האַס האָבן זיך די פאַשיסטן געוואָרפן צו פאַרניכטן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט די שאַפונגען פון דעם ייד קאַרל מאַרקס. נאַצי־דייטשלאַנד שטייט איצט שוין פון פולשטענדיקן אונטערגאַנג און וועט אייביק זיין פאַרשאָלטן פון די דורות וואָס וועלן קומען.

קאַרל מאַרקס נאָמען און זיינע שאַפונגען וועלן אייביק פאַרבלייבן אין זכרון פון אַרבעטער־קלאַס און פרייהייט־ליבנדע פעלקער.

א. נ. ט.

## פורימדיקס הייאַר

(פּראָלאָג)

ניטאָ אַנטרישענע, ניטאָ אַנטשליסענע. 1
פאַרשטעלטע פאַר וועלכע מיר האָבן זיך נאָר;
ניטאָ קאַליקעס. ניטאָ אַלמנות און יתומים.
די נבוזרדן־סאַנגע מיר שפּילן בלויז פאַר.



און די טויטע, — געקוילעטע, געהרגעטע,
און אין מיתות משונות אין בליעדליי! —
באַלד זיך אויפגעכאַפּט, זיך אָנגעדערנעלייגט —
דער כאַפּן־כאַפּ פון „קול ברמה“־געשריי.

וואָס פאַר אַ פורים־שפּיל מיר שפּילן נאָך היי־יאָר,
עס ציט זיך די סצענע אויף טויזנטער מייל,
און ווי קונציק, ווי פּינקטלעך, ווי נאַטור־געטריי,
פון דער „אויפשטאַטונג“ יעטוועדער קלענסטער טייל.

דאָרטן הונדערטער שטעטלעך אויף אַש פאַרקוילטע,
דאָ פון די חורבות — אַ מזרח־וואַנט פון קלויז!
און פון אונטער דעם אַלעם ווי אומגעטעלטשט עכט —
דאָס פאַרגאָסענע בלוט, ווי ס'שפּרודלט דאָס אַרויס.

אַ לעבעדיק באַגראָבענער פון גרוב אַרויס
מוטלירט יעדעס וואָרט אַזוי דייטלעך קלאָר — —
ווי מוראיק פּינקטלעך, אַז גלויבן שיער ס'ווילט זיך,
ניט שפּיל ס'וואָלט געווען, נאָר די נאַקעטע וואָר.

און פּונקט אַזוי עכט ווי דאָס „מכירת יוסף“
דאָס „אחשורוש־שפּיל“ אויפפירן מען וועט:
ניטאָ אַן אויסגעשטאַפּטער, אַ שטרויענער המן,
אַ פּופּע אַזאַ פאַר קינדער צום געשפּעט.

און די עשרת בני־המן נאָר אַזוי
אויף דער תּליה אויסגעמאָלן — ווייס איך וואָס!
אַ לעבעדיקן עכטן, אַ נבוזהדיק,
מיטן וואַנצל אַפּילו אונטערן נאָז — —

אָנגעטאָן מיט דער גאַנץ יעטוועדעס הער'ל,
און די פּאָטליע איבער זיין רציחה־בליק!
ווי ער וועט דאָס צאַפּלען אַן אויפגעהאַנגענער —
אַ מאַרפּנרייסער הונט רייסט זיך פונעם שטריק.

ס'ברויך נאָר די קוליסן־ווענט אויפצושטעלן,
און די אחשורוש־סצענע שטייט שוין גרייט!
ווי קונציק, ווי פּינקטלעך און ווי נאַטור־געטריי,
און זי ציט זיך אויף טויזנטער מייל ווייט.

אַ וויפיל תּליות זיי האָבן דאָס אויפגעשטעלט!
און ביז צונויפזאַמלען המנס אַזויפיל,
וועלן מיר זינגען דערווייל דעם „קול־ברמה“,
דאָס „מאַמע־רחל־ליד“ פונם פורים שפּיל —
— — — —

נישט אָפּגעריסענע, נישט אָפּגעשליסענע,
פאַרשטעלט פאַר אַזעלכע מיר האָבן זיך בלויז — —
זעט מען הען נישט ווי טיף פון אונזערע אויגן,
אַזאַ גרויסע פרייד קוקט געוואַלטיק אַרויס!

נאָר ווי זינגען די „צושויער“, ווו דער עולם,
פאַר נעמען דאָס שפּיל מיר שטעלן אַצינד פאָר?
אַזאַ קאַלטער גרויל ס'נעמט מוראַדיק אַרום:
אָ, אפשר איז עס גאָר די נאַקעטע וואָר — — —

## צוויי ראַקעט־סאַטירעס

I

נישט קיין סירענע־רוף אין מיטן דער נאַכט מער
און נישט אויפגעוועקט פון אַ בראַזש־געקנאַל;
און איבערגעקומען, ממש, איז מען דאָך שוין,
ווי נאָנט מ'זאָל נישט הערן דעם הילכיקן פאַל.

ביטער איז נאָר, אַז מ'הערט לגמרי שוין גאָר נישט!
צוּיט מען דאָס איבערבעט טיף איבערן קאָפּ,
און מ'האָפּט אויפצוּוואַכן, וואָס גיכער, נאָכאַמאָל:
ס'שלאָפט זיך זיכערער נאָך אַזאַ צווייטן קלאַפּ — —

ווי יענער נערוועזער גאַסט פון האָטעל־צימער,
וואָס וואַכט דורך די נאַכט ביז דער צווייטער שיך פאַלט,
וואַרפט זיך נישט איינער אויף וואַרעמען געלעגער
אַ גאַנצע נאַכט, האַרכנדיק: אַט־אַט־אַט — באַלד!

II

(אין שעלטער)

אָ, יענע גוטע צייטן פון „בליצן“ און ראַבאַטס
געשלאָפן דאָ ס'האָט זיך מחיה געשמאַק,
אַצינד ליגסטו דיר אָפּ האַרטע שטייפע זייטן,
און וואַרטסט ס'זאָל כאָטש געבן פון ווייטן אַ קנאַק.



דרייסט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער — אומזיסט!
ווי אין אַן אויער — — צו ציילן יעדן שאָרך!
און כאַפּסטו אַ דרימל אַריין אויף אַ רגע,
וועקט דיך דערשראָקן אויף דיין אייגענער שנאָרך.

אַזאַ נאַכט איבערצוליגן — אַ קאַטאָוועס!
ס'וואָלט געלוינט: ווען דרויסן איין ראָקעט כאָטש פאַלט!
פאַרטאָג, אַ פאַרמאַטערטער שוין שלאָפסטו ערשט איין,
מיט אַ שמייכל אויף ליפּן: אָט־אָט אָט — באַלד . . .

## ערב־פּרילינג ראַקעט־ליד

נישט אַ פאָרפרילינגדיק וואָלקנדל אויף הימל —
ס'איז פון אַ ראָקעט וואָס געפּלאַצט אָקאָרשט האָט!
ווי לויטער ער איז און ווי אויסגעוואַשן קלאָר,
עס קוקט אויפן הימל איצט די גאַנצע שטאָט —

ווי זי רוישט, אַ רגע זיך נישט אָפּצושטעלן,
כאָטש נעם אַ שטעקן דורך אירע רעדער שטעק!
אַ הימל אַזאַ לויטערן אָנצוקוקן,
אפשר איז ער כּדאי דער אויגנבליק שרעק — — —

און שוין איז פון וואָלקנדל קיין שפּור מער נישטאָ,
און ווער ווייסט וויפיל לעבנס געטראָפן ס'האָט!
אָבער מער נאָך ווי דעם וואונדערלעכן הימל,
כ'באַוואונדער אַ שטאָט אַזאַ, אויף גאָטס באַראָט.

## פון יידישן פאָלקס־מויל

### וויטצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך

געהערט, געקליבן און באַרבעט דורך שלמה גאָלדענבערג

### ג.

### 7. וואָס הייסט „נייטראַל“

וואָס איז אַזוינס „נייטראַל“? פרעגט אַ ייד און ענטפערט: „דאָס איז אַזאַ וואָרט, וואָס מען קען דאָס ערקלערן נאָר מיט אַ משל . . . אַז דריי מענטשן שלאָפן אין איין בעט און זיינען צוגעדעקט מיט איין קאָלדרע (*) . . . דער וואָס ליגט פון רעכטס—ציט צו זיך און דער וואָס ליגט פון לינקס—ציט צו זיך . . . איז דער וואָס ליגט אין מ י ט ע ן איז „נייטראַל“ . . . אים אַרט נישט... אים איז וואַרעם! (ש. לעווין).

* צודעק.

## 8. צוויי מתנות

צוויי מתנות גיט גאָט נישט צו איין מענטשן . . . קען אַ ייִד שרייבן גוטע אַרטיקלען, שרייבט ער שלעכט „טשעקס“; פאַרקערט, קען אַ ייִד שרייבן גוטע „טשעקס“—שרייבט ער שלעכטע אַרטיקלען! (ל. שליט).

## 9. צוויי שותפים

צו מיין פאָטער אין הויז ** פלעגט אַריינקומען אַ ייִד אַ בטלן, אַן אמתער מנחם מענדל, וואָס איז תמיד געווען פול מיט פּראָיעקטן און פּלענער וועגן מסחר. איין מאָל קומט ער מלא שמחה: ער קען אָפּקויפן אויף פּאָדאָל אַ גרויס גייענדיק געשעפט פון לעדער, וואָס ברענגט אַריין אַ גרויסע הכנסה, נאָר ער דאַרף דערצו האָבן צוויי שותפים. זאָגט צו אים מיין פאָטער: „ר׳ ייִד! מילא איין שותף דאַרפט איר האָבן, ווייל איר האָט מן הסתם דאָס געלט נישט אויף אַריינלייגן אין געשעפט. אָבער וואָס דאַרפט איר אַ צ ו ו י י ט ן שותף?“ גיט דער ייִד אַ מאַך מיט דער האַנט און רופט זיך אָן גאַנץ ערנסט: „פאַרשטייט איר מיך ר׳ נחום . . . איין שותף דאַרף איך טאַקע האָבן צוליב דעם געלט, ווייל קיין ג ע ל ט האָב איך דאָך נישט. אָבער דעם צווייטן שותף מוז איך האָבן פאַר אַ נ פ י ר ן דעם געשעפט, ווייל ווי קום איך צו מסחר . . . איך בין דאָך נאָר אַ ייִד אַ בטלן!“ . . . (דר. ל. מאַצקין).

## 10. א ייד א קרוב

צוויי ייִדן פאָרן אין אַ צוג, באַקענען זיך אויף גיך און פאַרפירן צווישן זיך אַזאַ געשפּרעך:

— וואוהין פאָרט אַ ייִד?

— קיין האָמעל!

— קיין האָמעל איך בין דאָך אַ האָמלער! טאָ וואוהין פאַרפאָרט איר?

— אַ דאגה וואוהין פאַרפאָרן?! איך האָב דאָרט קרובים“...

— אַזוי גאָר! ווער זיינען למשל אייערע קרובים?

— איך האָב דאָרט אַ ס ך קרובים! . . .

— דאָך! איך קען כמעט אַ האַלבע שטאָט! אַ געבוירענער אַ האָמעלער!

— המ! . . . אויב איר קענט טאַקע האָמעל, וועל איך אייך טאַקע פרעגן: „געפינען זיך ביי אייך עפּעס ייִדן „פאַרכעס“? ***

— אין ווייס! האָמעל איז באַרימט מיט אירע שיינע ייִדן, לומדים, גבירים, אָבער ווי עס פּידט זיך. פאַראַן ביי אונז אַ סך פאַרכעס אויך! . . .

— נו, אויב אַזוי איז שוין גוט, ווייל וואו אַ ייִד אַ פאַרך איז מ י י נ ע ר אַ קרוב! . . . (א. אידעלסאָן).

## 11. א ליטוואק איז א צלם-קאפ

— ווייסט דו מיין קינד, פאַרוואָס מען רופט ביי אונז **** אַ ליטוואַק אַ צלם קאָפּ? צוליב אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן אין אַ שטעטל נית ווייט

** ר׳ נחום מאַצקין האָט געוואוינט אין בראָוואַרי, אַ שטעטל נעבן קיעוו.

*** אַ בעל־מום, אַ נחות־דרגא, אַ שלעכטער ייִד.

**** אין אוקראַינע.



פון אונז. אין שטעטל איז אַראָפּגעקומען אַ יינגערמאַן אַ ליטוואַק, אַ פיי־נער יינגערמאַן, אַ לערער. ער האָט אינגיכן נושא חן געווען ביי איינעם פון די רייכע בעלי־בתים און איז געוואָרן מיט מזל אַן אידעם אויף קעסט. צום אָנ־הויב זיינען אַלע מיט אים געווען צופרידן: אַ כלי, אַ צאַצקע, אָבער עס זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָר, עס זיינען שוין צוגעקומען אַ פּאָר קינדער און ער זיצט נאָך אַלץ אויף קעסט, טוט נישט אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער . . . האָט דער שווער אים גענומען זאָגן מוסר, די פרוי פלעגט זיך מיט אים קריגן—אָבער עס העלפט נישט! ער זיצט אַלץ און לערנט און טראַכט אפילו נישט עפּעס אָנהויבן טון פאַר חיונה . . . אין שטוב איז געוואָרן חושך. און פּלוצלינג איז דער ליטוואַק נעלם געוואָרן! אומזיסט האָט מען אים אַרומגעזוכט חדשים לאַנג, האָטש גע־וואָלט ביי אים נעמען אַ גט פאַר דער אָרימער פרוי—אָבער ניטאָ דער ליטוואַק!

איינמאָל פאָרן אַ פּאָר סוחרים ייִדן אויף דעם יריד קיין בערדיטשעוו. עס איז געווען זער פרי, דער בעל־עגלה האָט איינגעדרימלט, און די פערד זיינען אַראָפּ פון גלייכן וועג און האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין אַ קליינעם אומבאַקאַנטן דאָרף, ווייט פון וועג . . . ווי נאָר דער וואָגן איז אַריין אין דאָרף אַריין האָבן די צוויי ייִדן דערהערט אַ הויכן זיסן גמרא־ניגון צוגיסט זיך פון אַ קליין שטעטל מיט אָפענע פענסטער. זיי איז די זאַך געוואָרן קשה: ווי קומט דער גמרא־ניגון אין אַ פאַרוואָרפן דערפעל? זיי פאָרן צו און זעען אַ יונגע שיינע גויע שטייט און קנעט ליים מיט אירע באָרוויסע פיס. זיי גייען אַריין אין שטוב און בלייבן שטיין ווי פאַרפלעפט: דאָס איז ער דער ליטוואַק!

— וואָס טוסט דו דאָ? פרעגט אים איינער פון די סוחרים.

— „איר זעט דען נישט? איך לערן!“ ענטפערט דער ליטוואַק גאַנץ רואיק.—

— און ווער איז די פרוי אינדרויסן? פרעגט דער ייִד ווייטער.

— וואָס הייסט? מיין פרוי!—ענטפערט דער ליטוואַק.

— אָבער ווי קענסט דו וואוינען אין דאָרף?— פרעגט דער ייִד אומרואיק. גלייך ווי ער האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז. . .

— דאָס גייט פרעגט דעם גלח! — ענטפערט דער ליטוואַק מיט חוצפה.

— הייסט עס אַז דו, ימח־שמוניק, האָסט זיך גאָר געשמדט און האָסט נאָך חתונה געהאַט מיט אַן ערלה? גיט אַ זאָג דער ייִד מיט כעס.

— וואָס דען מיינט איר — ענטפערט דער ליטוואַק מיט אַ שמייכל. ביי אייך קען מען לערנען? ביי אייך איז אַלץ פרנסה, חיונה, און נאָך אַמאָל פרנסה! תורה לשמה קען מען נאָר ד אָ לערנען . . . ז י אַרבעט, וואַשט, פאַרדינט אויף חיונה און איך זיץ און לערן! . . . אַ מחיה!! . . .

די צוויי ייִדן האָבן אַ שפּיי געטון און זיינען אַנטלאָפן פון אַזאַ כל־בוניק, וואָס האָט זיך געשמדט אום צו קאָנען לערנען תורה במנוחה. אָבער פון דע־מאָלט אָן רופט מען ביי אונז יעדן ליטוואַק—אַ „צלם־קאָפּ!“

(פון מיין מאַמען).

## „די דריי מתנות פון י. ל. פרץ"

עס קומט, אָן ספק, אַ גרויסן ישר־כּוח די גרינדער און די אַלע, וועלכע באַמיען זיך אַרום יִדישן פֿאָלקס־הויז; בשעת אונזערע „ליבלינגע" זוכן זייער גליק אויף דער פּראָווינץ און ראַטעווען דאָרטן זייערע נשמות פון די ראַקעטס, האָבן זיי מסירת־נפשדיק אויסגעזוכט „די דריי מתנות" פאַר אונזער פאַרוואָגלטע נשמה דאָ.

וועגן דעם צוזאַמענשפּיל פונם אַנסאַמבל בפרט און וועגן דער צוגעפּאַסטער מוזיק, און בכלל צי מען מעג,—און איבערהויפּט צי מ׳קאָן! — פּרצעס אַ דערציילונג צושניידן פאַר אַ טעאַטער־דערפאָלג, און אויפוויפיל ס׳איז קינסטלעריש געלונגען און אויף וויפיל פאַרשניטן — וועגן דעם אין קומענדיקן אַפּריל „העפטל", וועלכעס וועט זיין גאַנץ געווידמעט דעם נאָמען פון י. ל. פרץ, צום דרייסיקסטן יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער.

נ. ב. כּ׳וויס? אפשר וועט זיך מיט „די דריי מתנות", — ס׳איז דאָך פאָרט פרץ! — לויטערן און זיך אָפּראַטעווען אַ פאַרוואָגלטע נשמה, פאַר פיין ייִדיש טעאַטער — כ׳מיין די זינגערין פונם „גוטן מלאך". ש.

## 30־טער יאָרצייט פון י. ל. פרץ

מיר וועלן זיך באַמיען דעם ניסן־חודש, אין וועלכן אונזער גרויסער שרייבער י. ל. פרץ איז נפטר געוואָרן, אונזערע שבת־נאָכמיטאָג־פּראָגראַמען אויסצופילן מיט די שאַפונגען פון אונזער גרויסן נפטר. פאַר דעם צווייטן טאָג חו״מ האָט פריינט פון ייִדיש לשון גענומען אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג פון „די דריי מתנות".

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין גרעינד־פלעי, קאַמערשעל רויד, א.1.—3 אַזייגער).

שבת, דעם 3־טן מערץ, 27־יאָר רויטע אַרמיי. ס׳באַטייליקן זיך דאָראַ דימענט, אליהו פּאָלושאַק, אייזיק גאָלדבערג א.א.

שבת, דעם 10־טן וועט י. ח. קלינגער האַלטן אַ פאָרטראַג: געדאַנקן פון אַ ייִדישן זעלנער אין אַ וואַכנאַכט.

שבת, דעם 17־טן: פּרצעס פאָלקסטימלעכע און חסידישע דערציילונגען.

שבת, דעם 24־טן, די טראַדיציאָנעלע שבת־הגדול פייערונג.

שבת, דעם 31־טן, אַ גרויסע פרץ־פייערונג צום דרייסיקסטן יאָרצייט.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקערײַ י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאַוועל סטריט, א.1.

פרייז -/1

לאָנדאָן־ווייטשעפּל אפּריל 1945 — נומער 63

# י. ל. פרצ׳ס 30טער יאָרצייט

## צו דער 30־טער יאָרצייט פון י. ל. פרץ

.1

גאַנץ אויפגייענדיק אינם פאָלק, מיט־קעמפנדיק זיין שווערן קאַמף, מיענדיק זיך פאַר זיינע קולטורעלע און טאָג־טעגלעכע הצטרכותן, אַראָפּנידערנדיק אין דער טיפעניש פון דער ייִדישער נויט,—בטל ווערנדיק אין איר און זי מבטל זייענדיק! — איז פרץ קולט אין זיך די נשמה פון ייִדישן פאָלק; מיט די מאַסן גייענדיק, דעם פּראָסטן האָראָפּאַשנעם מענטש ליבקריגנדיק, ווערט ער דער קולטורווירטסטער און דער פּראָבלעמאַטישסטער פון אונזערע קלאַסיקער...

האָט מענדעלע מוכר ספרים זיך אַראָפּגעלאָזט שרייבן פאַרן פּראָסטן פאָלק, שלום־עליכם שרייבט וואונדערלעכע דערציילונגען פון אים, האָט פרץ, זיך אַראָפּלאָזנדיק אין זיינע מעמקים־פינסטערנישן, אין זיינע קעלער־שטובן־אָפּגרונדן, עס דערהויבן מיט זיך, און געשריבן פון די סודותדיקע פאַרבאָרגענישן, פון די עמקותדיקע טיפענישן פונם ייִדישן פאָלק —

י. ל. פרץ האָט דערזען, פּנים אל פּנים, די פאַרוואָגלטע נשמה פון זיין אומה! אַ, יענע וואונדערלעכע פאַרוואונדעטע טורטל טויב, פון די ייִדישע חורבות אַרויס, האָט וואָרקנדיק און ווייטאָגדיק באַשוועבט זיין געניאַליש־צעשויבערטן קאָפּ, און זיך איינגגניאָזדענדיק דאָרט, האָט זי פון זיינע גרויסע אויפגעריסענע אָדלער אויגן אַרויסגעקוקט מיט בענקעניש און מיט דערבאַרעמען, און אין זיין צעפלאַטערט האַרץ האָט זי אויסגעקלאַפּט מיט אירע פאַרמאַטערטע פליגל דעם געבראָכענעם, דעם כאָרכלדיקן, אויסגייענדיקן ריטם פון אַן אויסטערליש שטאָלץ פאָלק, וואָס גייט־אויף תמיד אויף קידוש־השם.

און דערפאַר דאָס מאַיעסטעטיש־געניאַלישע, דאָס קעמפעריש־זיגערישע, דאָס עקשנותדיק אויספירערישע—דער גרויסער כאַראַקטער־צוג אין פּרצעס שאַפונגען! און גלייכצייטיק און באותו הרגע דאָס טויבן־גוטע, דאָס טוליענדיק ליבלעכע, דאָס הכנעהדיק פאַרגעבנדיקע—דער גלעטנדיקער אָדלער־בליק פונם ייִדישן גאון!

און דאָס איז טאַקע דער געניאַלישער אונטערשיד פון פּרצעס פּאַטאַלאָגיש קראַנקן שמייכל אין זיינע טויט־ערנסטע דערציילונגען צו מענדעלעס סאַטיריש־געזונטן אָביעקטיוון רעאַליזם, צו שלום־עליכמס סוביעקטיוו־ייִדישלעכן צעלאַכטן הומאָר — ס׳איז דאָס משוגע־שמייכעלע שוין צו זיך אַליין, אינם קאַמף מיט די סתירהדיקייטן אין זיך! ס׳איז דאָס זעלבע אינדיווידועל דואַליסטישע אין פּרצעס קאַלטן רעאַליזם געמישט מיט זיין גליאיקן מיסטיציזם — ס׳איז די פּסיכיש קינסטלערישע אויפלעזונג פון סיבה ומסובב, פון אורזאַך